הויבט היינט אן צו לייענען אונזער נייעם ראמאן „דער אידישער פראפעסאר"

A JEWISH CANADIAN DAILY Circulated All Over CANADA And Abroad

THE HEBREW JOURNAL

דער אידישער זשורנאל

פאליטיש אומאפהענגיג נאציאנאל.

א צייטונג וועלכע גיט פרייהייט פון אויסדרוק צו אלע שיכטען.

VOLUME XI No. 4130 | TORONTO MONDA 10 1924 | ד אדר ב פרשה ויקרא, תרפ"ד. | טאראנטא, מאנטאג דער 10-טער מערץ, 1924. | PRICE THREE CENTS

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY MAR 13 1924

N.Y. Public Library 476 Fifth Ave.

175 מיינער באגראבען לעבעדיגערהייט אין א מיין-אויפרייס אין יוטא

שוידערליכער מיין-אומגליק אין יוטא סטייט. — 175 מיינער זענען פארשאטען געווארען און מען רעכענט אז זיי זענען אלע טויט. — ערשט מיט א חודש צוריק האבען אינספעקטארס ערקלעהרט, אז די מיין איז אין בעסטען צושטאנד.

קעסטל גייט, יוטא, מערץ, 9.

175 מיינער פון דער יוטא פועל קאמפאניע מינע נומער צווי זענען נעכטען פריה באגראבען געווארען אין א מיין-אויפרייס.

מען איז נאך ניט צוגעקומען צום פלאץ וואו די מיינער זענען באגראבען געווארען. דער וועג איז פארשאטען און פארשטעלט און די רעטונגס-ארבייט קומט אן זעהר שווער. מען רעכענט, אז מען וועט די פארשאטענע ניט געפינען לעבעדיגערהייט.

די גענויע אורזאך פון דעם אומגליק איז נאך ניט פעסטגעשטעלט. מען רעכענט, אז דער אויפרייס איז פאראורזאכט געווארען פון אן אנזאמלונג פון שטויב.

ערשט מיט א קנאפען חודש צוריק, דעם 13-טען פעברואר, האבען מיין-אינספעקטארס באזוכט די מינע וואו דער אומגליק איז איצט פארגעקומען און האבען ערקלעהרט, אז די מינע איז אין בעסטען צושטאנד.

קעסטל גייט איז א מיינער שטעטעל מיט א באפעלקערונג פון 1,700 נפשות 116 מייל צו דרום-מזרח פון סאלט לייק סיטי, די הויפט-שטאט פון יוטא סטייט.

פראגרעסיווע וועלען ניט שטיצען אמענדמענט פון קאנסערוואטיווען

אטאווא, מערץ, 9.

"מיר קענען ניט שטיצען ריזאן אמענדמענט", האט ערקלעהרט ראבערט פארק, פיהרער פון דער פראגרעסיווע פראקציע אין פארלאמענט, אויף א פראגע וועגען דער שטעלונג וואס די פראגרעסיווע וועלען נעהמען צום אמענדמענט, וואס די קאנסערוואטיווען האבען פארגעשלאגען צו דער טראן-רעדע. אהן דער שטיצע פון די פראגרעסיווע וועט דער אמענדמענט דורכפאלען, און די רעגירונג האט גארנישט וואס צו שרעקען זיך.

קאנפערענץ הויבט אן קאמפיין פאר אידישע ארבייטער אין פאלעסטינא

קאנפערענץ פון ארבייטער ארגאניזאציעס נעהמט אויף די הילפס-אקציע פאר די אידישע ארבייטער אין פאלעסטינא. — מאקס פיין באגריסט די קאנפערענץ. — קאמפיין וועט זיך אנהויבען מיט א גרויסען מאסמיטינג.

די קאנפערענץ, וואס די אמאלגאמייטעד יוניאן האט איינבארופען, וועגען שטיצען דעם 150 טויזענט דאלאר קאמפיין פון געווערקשאפטען קאמיטעט פאר די אידישע ארבייטער אין פאלעסטינא, האט אויפגענומען די ארבייט מיט גרויס באגייסטערונג. עס זענען ערוועהלט געווארען די נויטיגע בעאמטע און פלענער זענען גלייך אויסגעארבייט געווארען ווי אזוי צו מאכען דעם קאמפיין ערפאלגרייך.

די קאנפערענץ איז געווען א קליינע ווייל די אמאלגאמייטעד יוניאן האט איינגעלאדען בלויז די צענטראלע קאמיטעטען פון די ארבייטער-ארגאניזאציעס. עס איז דערפאר באשלאסען געווארען איינצולאדען אלע ארבייטער-ארגאניזאציעס, אהן שום אויסנאהם און אלע ערוועהלטע בעאמטע זענען בלויז צייטווייליג.

אין דער קאנפערענץ האבען זיך באטייליגט די דזשאינט באארד פון די אמאלגאמייטעד יוניאן, די דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן, פארייער יוניאן, דער שטאדט-קאמיטעט פון אידיש נאציאנאלען ארבייטער פארבאנד און דער פועלי ציון ברענטש. מר. קירזשנער פון דער קלאוקמאכער יוניאן איז ערוועהלט געווארען אלס פארזיצענדער און מר. מ. מענסאן פון די פועלי ציון אלס סעקרעטאר.

דער פארזיצענדער האט געהאלטען א ווארימע רעדע וועגען די אויפגאבען פון דער קאנפערענץ. ער האט אנגעוויזען אויף דער פאלשער ביז-אהעריגער שטעלונג פון דער ארגאניזירטער אידישער ארבייטערשאפט, וואס מען האט געשטיצט אלע ארבייטער אויף דער גאנצער וועלט, אבער ניט די אידישע ארבייטער אין פאלעסטינא. ער האפט, אז די קאנפערענץ וועט זיין ערפאלגרייך אין דער ארבייט, און וועט דערמיט גוטמאכען דעם טעות וואס איז געמאכט געווארען.

באגריסונג פון מאקס פיין

עס איז דאן פארגעלעזען געווארען א טעלעגראמע פון מאקס פיין מיט'ן פאלגענדען אינהאלט:

"גרוסען צו דער קאנפערענץ. איהר האט אונטערנומען א היסטארישע ארבייט. די הילף פון טאראנטא וועט ערמעגליכען אונז צו מאכען אן ערפאלג פון איצטיגען קאמפיין. מיר ערווארטען די פולע שטיצע פון די ארבייטער אין טאראנטא.

מאקס פיין,
פארזיצענדער פון דער נאציאנאלער געווערקשאפטען קאמפיין קאמיטע.

ארבייט ווערט גלייך אונטערנומען

די קאנפערענץ האט זיך ארויסגעזאגט פאר דעם, אז דער קאמפיין זאל זיך גלייך אנהויבען. די עקזעקוטיווע איז אינסטרואירט געווארען צו רופען א מאסמיטינג און אויסארבייטען אנדערע פלענער פון דעם קאמפיין. די עקזעקוטיווע באשטעהט פון די פאלגענדע זיבען דעלעגאטען:

מ. פעדערמאן, י. זאלצבערג, שטראס, ה. מ. קירשענבוים, ס. קרוגער, ב. בעגאנען און מרס. מישקין.

סאלאווייטשיק געבעטען צוריקציהען רעזיגנאציע

לאנדאן, מערץ, 9, (איטא).

פרייטאג דעם גאנצען טאג האט דער ציון אקציאנס קאמיטעט פארהאנדעלט די פראגע וועגען דר. סאלאווייטשיק'ס רעזיגנאציע פון דער עקזעקוטיווע. סאקאלאוו און קאוון האבען פארטיידיגט די האנדלונג פון דער עקזעקוטיווע. דע לימע האט געבעטען, אז דר. סאלאווייטשיק זאל צוריקציהען זיין רעזיגנאציע.

די דיסקוסיע וועגען דעם ענין ווערט היינט פארגעזעצט.

קראסנאשטשאקאוו איז מודה אין מיסברויכען געלט פון באנק

מאסקווע, מערץ, 9, (איטא).

אלעקסאנדער קראסנאשטשאקאוו, דער געוועזענער פראמינענטער קאמוניסט און דירעקטאר פון רוסישען באנק, האט זיך מודה געווען, אז ער האט אנטליהען זיין ברודער פינף טויזענט דאלאר פון די פאנדען פון דער רוסיש-אמעריקאנער אינדוסטריעלער קארפאראציע. ער האט אבער באהויפטעט, אז דאס געלט וואלט אומגעקעהרט געווארען ווען ער האט די געלעגענהייט עס צו טאן. מע ערווארט, אז דער משפט זאל היינט ארויסגעטראגען ווערען.

הוסעין ווערט פראקלאמירט אלס דער נייער קאליף

ירושלים, מערץ, 9, א(יטא)

קעניג הוסעין האט אנגענומען דעם קאליפאט און איז פראקלאמירט געווארען אלס קאליף פון די מאכמעדאנער אין עבר-הירדן, פאלעסטינא, מעסאפאטאמיע און העדזשאס.

א קאנפערענץ פון אלע אראבישע מדינות וועט זיך צוזאמענקומען דעם פופצעהנטען מערץ אין קאוועיט, ביים פערזישען גאלף, אויף צו פארהאנדלען וועגען דער וויכטיגער קאליפאט פראגע און הוסעין'ס קאנדידאטור וועט וואהרשיינליך ראטיפיצירט ווערען.

מוזיק לערער געשאסען אויף יאנג סטריט פון איפערזיכטיגען מאן

טראגעדיע איז פארגעקומען שבת נאכמיטאג. — געשאסענער איז אלט געווען 47 יאהר. — מערדער גיט זיך איבער דער פאליציי. — מוזיק לערער האט געלערענט די קינדער פון דעם מערדער און זאל האבען געווען אין נאהענטע באציהונגען מיט זיין פרוי.

הערבערט מעקליור, 47 יאהר אלט, א מוזיק לעהרער, איז שבת נאכמיטאג דערשאסען געווארען אויף טויט פון וויליאם סטעדמאן, 40 יאהר אלט. די טראגעדיע איז פארגעקומען אויף יאנג סטריט, לעבען ישעלדרייק בולווארד. סטעדמאן האט זיך איבערגעגעבען צו א פאליסמאן און האט גאנץ קאלטבלוטיג דערצעהלט, אז ער האט גע'הרג'עט א מענשען. ער האט צוגעגעבען, אז איפערזוכט האט איהם געטריבען צו דער טאט.

מעקליור האט פאר די לעצטע דריי יאהר געלערענט מוזיק מיט סטעדמאנ'ס צוויי קינדער, און די שנאה צווישען די צוויי מענער איז געווען א לאנגאניגע. סטעדמאן האט שבת געוואדט אויף זיין קרבן וויסענדיג, אז ער דארף באלד קומען אהיים. ווי מעקליור איז אראפ פון סטריט קאר האט סטעדמאן אויסגעשאסען. ער האט אפגעפייערט בלויז איין קויל און האט געמאכט א פארזוך צו שיסען ווידער, אבער דער רעוואלווער האט זיך פארהאקט. עס איז אויך ניט נויטיג געווען. מעקליור איז שוין געלעגען טויט.

דער מערדער האט רוהיג ארייגעגעבען דעם רעוואלווער אין קעשענע און איז זיך אוועקגעגאנגען. באגעגענדיג א פאליסמאן האט ער איהם געזאגט, אז ער האט נאר וואס געשאסען א מאן.

מרס. סטעדמאן האט דערצעהלט, אז איהר מאן איז לעצטענס געווען זעהר איפערזיכטיג און שכנים פלעגען טרייבען רכילות, אז זי האט צו-נאהענטע געשעפטען מיט'ן מוזיק - לעהרער. זי האט אבער געזאגט, אז דער מאן האט איהר אומזיסט פארדעכטיגט, ווייל זי איז איהם געווען געטריי.

יונגע מיידעל געפונען א פארפרארענע אין אן אייזערנער פייפ

זי איז פארשוואונדען געווארען מיט פיער טעג צוריק. — געפונען פארפרוירען אין באוואוסטלאז דורך א צופאל.

(:0:)

א הונט האט גראטעוועט א יונגע מיידעל פון א זיכערען טויט. גלעדיס א'קאנער, 22 יאהר אלט פון 46 רעבעקא סטריט, האמילטאן, איז דאס מיידעל וואס האט צו פארדאנקען א הונט איהר לעבען.

דאס מיידעל איז געפונען געווארען שבת נאכמיטאג אין א גרויסער אייזערנער רעהר, אין א „דאמפ" הינטער דער "קאנאדער ברער קאמפאניע" פאבריק, 755 דענפארט עוועניו. צוויי בויעס האבען זיך דארט געשפילט מיט א הונט און האבען באמערקט, אז דער הונט בילט עפעס מאדנע און דרעהט זיך ארום דער פייפ. ווי איבעראשט זענען זיי געווען צו געפינען אין פייפ א יונגע מיידעל האלב טויט פון קעלט.

דאס מיידעל האט מען צוגענומען אין דזשענעראל האספיטאל וואו זי געפינט זיך נאך אין א באוואוסטלאזען צושטאנד. איהרע הענט און פיס זענען אפגעפרארען.

דאס מיידעל איז פארשוואונדען געווארען מיט פיער טעג צוריק פון איהר אנקעל'ס וואוינונג, אויף קארלאו עוו., וואו זי איז לעצטענס געווען. דערווייל קאן זי נאך ניט רעדען און מען ווייסט ניט ווי זי איז געקומען אין דער פייפ, וואו זי איז שיער אומגעקומען.

יהודה סמיט ע"ה

192 קלערמאנט סטריט

איז געשטארבען נעכטען ביינאכט. די לויה וועט זיין היינט איינס (1) א זייגער פון דעם פארשטארבענעמ'ס לעצטע וואוינונג.

אלע מעמבערס פון פאלמערסטאן עוועניו שוהל און אלע פריינט און באקאנטע זענען געבעטען קומען צו דער לויה אפצוגעבען די לעצטע עהרע דעם פארשטארבענעם.

אויל-טראסט האט געמאכט די רעוואלוציעס אין מעקסיקא

וואשינגטאן, מערץ, 9.

די אויל-מאגנאטען סינקלער און דאהעני, מיט זייער מיטהעלפער אלבערט פאל, דער געוועזענער אינערן-מיניסטער, האבען ארויסגערופען די רעוואלוציעס אין מעקסיקא. אזוי האט נעכטען ערקלעהרט סענאטאר וועהילער וועלכער פיהרט אן מיט דער סענאט אונטערזוכונג פון יוסטיץ-דעפארטמענט. דער סענאטאר האט ערקלעהרט, אז ער האט עדות וואס וועלען באשטעטיגען זיין באהויפטונג. ער וועט דערוייזען, אז דער אויל-טראסט האט באווארנט מעקסיקאנער רעבעלען מיט געווער און דער יוסטיץ-דעפארטמענט האט געקוקט דורך די פינגער אויף דער גאנצער זאך.

פרעמיער סמוטס באגריסט ציון קאנפערע

יאהאנעסבורג, דרום אפריקא, מערץ 9. (איטא). — מיטוואך איז דא ערעפענט געווארען די יעהרליכע קאנפערענץ פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין דרום אפריקא, אין דער אנוועזענהייט פון הונדערטע דעלעגאטען און געסט.

פרעמיער סמוטס האט צוגעשיקט א באגריסונג אין וועלכער ער זאגט, אז אויף דער לעצטער אימפעריעלער קאנפערענץ איז באטראכט און גוטגעהייסען געווארען ענגלאנד'ס פאלעסטינא-פאליטיק.

פראנקרייך האט געוואלט אפרייסען רהיינלאנד

פאריז, מערץ, 9.

דער אויסערן-מיניסטעריום האט נעכטען פארעפענטליכט א "געלען בוך" מיט דאקומענטען וועגען פראנקרייך'ס קאמף פאר "זיכערקייט".

די פארעפענטליכטע דאקומענטען צייגען, אז פראנקרייך האט געפלאנעוועט צו אפרייסען רהיינלאנד פון דייטשלאנד און גרינדען דערפון א באזונדערן שטאאט אונטער'ן אויפזיכט פון פעלקער-בונד.

גריכענלאנד אנערקענט סאוויעט רוסלאנד

בערלין, מערץ, 9.

צו די פיעלע מדינות וואס האבען אנערקענט סאוויעט-רוסלאנד איז איצט צוגעקומען גריכענלאנד. די טריטי וועגען אנערקענונג, וועלכע איז אהן וועלכע עס איז באדינגונגען, איז דא אונטערגעשריבען געווארען.

הוגא סטינעס ערנסט קראנק

בערלין, מערץ, 9.

הוגא סטינעס, דער מעכטיגער דייטשער קאפיטאליסט, איז ערנסט קראנק געווארען. ער האט ערליטען א נערוועזע - צוזאמענברוך און ליידט אויך פון אינערליכע קראנקהייטען.

טאכטער פון צארישען יוסטיץ-מיניסטער א סיילסליידי אין טאראנטא

א טאכטער פון טרויעריג בארימטען צארישען יוסטיץ-מיניסטער שטשעגלאוויטאוו געפינט זיך איצט אין טאראנטא, וואו זי איז א סיילסליידי אין א צירונג-געשעפט אויף יאנג סטריט. איהר נאמען איז באראנעסע לוביע דע לאזינא. געקומען איז זי אהער לעצטע וואך פון איטאליע מיט איהר מאן, א דאקטאר.

שטשעגלאוויטאוו איז געוועזן איינער פון די פינסטערע רעאקציאנערען אין דעם אמאליגען רוסלאנד. די אידען וועלען איהם ספעציעל געדענקען ווייל ער האט עס אנגעפיהרט מיט'ן מענדעל בייליס פראצעס. ער איז דער'הרג'עט געווארען פון די רעוואלוציאנערען ביים אויסברוך פון דער רעוואלוציע, אין 1917.

סטע אויסזיכטען אז דער דזשאנסאן ביל וועט ניט דורכגעהן

סענאטאר קינג ערקלעהרט אויף "האיאס" - מיטינג אז 1890 צענזוס פאר קוואטא וועט ניט אנגענומען ווערען. — פרעזידענט בערנשטיין פון "האיאס" מאכט שארפע אטאקע אויף דזשאנסאן ביל. — באריכטעט וועגען טעטיגקייט פאר'ן לעצטען יאהר.

ריזיגער פראטעסט מיטינג אין ניו יארק

ניו-יארק, מערץ, 9.

סענאטאר קינג, א מיטגליד פון דער סענאט אימיגראציע קאמיטע, האט היינט ערקלעהרט, אז דער דזשאנסאן ביל וועט ניט אנגענומען ווערען. ער האט אויסגעדריקט זיין איבערצייגונג, אז דער פונקט וועגען 1890 צענזוס פאר דער אימיגראנטען קוואטא איז געצילט געגען געוויסע גרופען אימיגראנטען און וועט דערפאר ניט אנגענומען ווערען.

די ערקלעהרונג האט סענאטאר קינג געמאכט אויפ'ן פופצעהנטען יעהרליכען מיטינג פון "האיאס" וואס איז היינט אפגעהאלטען געווארען.

אין זיין מעסעדזש האט פרעזידענט דזשאהן ל. בערנשטיין צוערשט געמאכט א שארפע אטאקע אויף דעם דזשאנסאן - ביל, וואס זוכט צו מאכען אויסנאהמען געגען אידישע וואנדערער. ער האט אנגעוויזען ווי אונגערעכט, אונמענשליך, אונאמעריקאניש דער ביל איז און וואס פאר שאדען ער וואלט ברייגען דעם לאנד. דערנאך האט מר. בערנשטיין אבגעגעבען א זעהר אינטערעסאנטען באריכט וועגען די רעטונגס ארבייט פון "האיאס". אין פארלויף פון פארגאנגענעם יאהר און די פלענער פון דער סאסייטי פאר דער נאהענטער צוקונפט.

אין פארבינדונג מיט דער טעטיגקייט פון "האיאס" אין אמעריקא און אין אייראפא האט מר. בערנשטיין געבראכט א רייהע פון פאקטען און ציפערן, וואס גיבען א באגריף פון דער פארצווייגטער און פילפאכיגער דינסט, וואס "האיאס" ברייגנט די אידישע נע-ונדניקעס.

59,940 אימיגראנטען אין 1923; נור 839 צוריקגעשיקט

אין זיין מעסעדזש הערצעהלט מר. בערנשטיין, אז אין פארלויף פון 1923 זיינען אין די פאראייניגטע שטאאטען אנגעקומען 59,940 אידישע אימיגראנטען, 42 טויזענט דורך ניו יארקער האפען. פון די לעצטע זיינען 15,861 פארהאלטען געווארען. נאך ספעציעלע פארהערען אדער אפילס אין וואשינגטאן זיינען בלויז 839 צוריקגעשיקט געווארען און 140 פעלע זיינען נאך ניט געווען ענטשיידעט דעם 31-טען דעצעמבער, ווען דיזער באריכט איז צוגעגרייט געווארען. אלע איבעריגע זיינען ערלויבט געווארען צו לאנדען. עס איז איבעריג צו זאגען, אז "האיאס" האט גענומען א טיפען אינטערעס אין אלע פארהאלטענע וואנדערער און האט זיי געדינט מיט אלעם מעגליכעם.

קיין אונמאראליטעט אדער פארברעכער צווישען צוריקגעשיקטע אידען

קיין איינציגער אידישער אימיגראנט איז צוריקגעשיקט געווארען צוליב אונמאראליטעט אדער פארברעכען. די אורזאכען פאר די צוריקשיקונגען זיינען געווען: 443, צוליעב דעם וואס די קוואטאס זיינען געווען פול; 47, ווייל זיי זיינען געקומען אלס "בלינדע פאסאזשירען"; 53, ווייל זיי קענען פאלען צו לאסט; 49, ווייל זיי האבען ניט געקענט לעזען און 28 האבען געמוזט באגלייטען צוריקגעשיקטע אימיגראנטען, וועלכע האבען ניט געקענט פאהרען אליין. צוליב פיזישע אדער גייסטיגע הינטערשטעליגקייט זיינען נור 198 צוריקגעשיקט געווארען.

$3,634,208 איבערגעשיקט נאך אייראפא

אין פארלויף פון יאהר האט "האיאס" איבערגעשיקט 3 מיליאן, 634 טויזענט, און 208 דאלאר פון אמעריקאנער אידען צו זייערע קרובים אין פארשיעדענע לענדער.

די עמפלאימענט ביורא פון "האיאס" האט פארשאפט ארבייט פאר 2474 פערזאן.

80,449 מאלצייטען, 17,396 נאכטלעגערס

די הכנסת אורחים אבטיילונג האט געגעבען 80,449 מאלצייטען צו אימיגראנטען און אורחים. 9,432 פעקלאך מיט שפייז זיינען מיטגעגעבען געווארען צו אימיגראנטען, וועלכע זיינען אבגעפאהרען נאך אנדערע שטעדט. די צאהל פון פרייע נאכטלעגערס פאר אימיגראנטען און אורחים איז געווען 17,396.

ריזיגער פראטעסט-מיטינג מאכט א גרויסען רושם

נעכטען ביינאכט איז אין קארנעגיע האל אפגעהאלטען געווארען א ריזיגער פראטעסט-מיטינג געגען די געפלאנטע אימיגראנטען גזירות. דער מיטינג איז געווען איינבארופען פון דער "אמעריקען איקוואליטי קאמיטע" אין וועלכער עס זענען פארטראטען עלף נאציאנען.

א שטארקען איינדרוק אויף די פארזאמעלטע האט געמאכט א סצענע ווען אידישע און איטאליענישע פארקריפעלטע וועטעראנען פון דער מלחמה האבען ארייגעמארשירט אין זאל אונטער די טענער פון דער אמעריקאנישער נאציאנאלער הימנע.

די רעדעס פון ראבאי סטיפען ווייז, דזשאדזש מאהאני, דזשאדזש קאטילא, קאנגרעסמאן פערלמאן און סופרים קאורט דזשאדזש טשורטשהיל זענען אלע געווען דורכגעדרונגען מיט א שארפען פראטעסט געגען דעם דזשאנסאן ביל.

דער "אמעריקאנער אידישער קאנגרעס איז איינגעלאדען געווארען צו אויפטרעטען מארגען פאר דער סענאט אימיגראציע קאמיטע.

גרעגארי קאמישאן האט צוגעשטעלט באריכט

די גרעגארי קאמישאן האט שוין צוגעשטעלט דער אנטאריאר רעגירונג דעם ענדגילטיגען באריכט וועגען איהר אונטערזוכונג פון דער הידרא עלעקטריק סיסטעם.

די קאמישאן איז באשטימט געווארען פון דער דרורי רעגירונג אין 1922 און איז פארטיג געווארען מיט איהר ארבייט דעם זיבעטען מערץ, 1924. דער פולער באריכט פארנעהמט פיעלע דיקע ביכער, וואס מען האט געדארפט פיהרען אויף וועגענער.

פרעמיער פערגוזאן האט באקאנט געמאכט, אז ער וועט פארלעגען דעם באריכט פאר דער לעגיסלאטור די היינטיגע וואך.

פארלויפיג ווייסט מען, אז אין דעם באריכט ווערט קריטיקירט די ארבייט אויף דעם טשיפאווא קאנאל, און עס ווערט ערקלעהרט, אז מען האט אין דער ארבייט געקאנט שפארען פון עלף ביז צוועלף מיליאן דאלאר.

"ווילדע לײדענשאפט"

א ראמאן פון אידישען לעבען.

פון י.־ב״ם

(85־טע פארזעצונג)

אזוי ווי זי האט זיך רייך געקליידעט און האט אויסגעגעבען פיעל געלד אויף פארשידענע זאכען האבען זיך דארום געפונען ארום איהר א סך פריינד, וואס האבען געקוקט אויף איהר געלד, אויך האבען זיך געפונען פיעלע מענשען וואס האבען זי פאראכט און האבען פאר איהר געזעהן א פינסטערן סוף.

דאס האט טילין אנפאנגס שטארק גענערווט. זי האט זיך אויך דעריבער בעקלאגט פאר סעמ'ן, וועלכער האט געצויגען מיט די אקסלען און האט געזאגט:

— דאס האסטו פריהער באדארפט וויסען. אזוי ווי דו האסט א גוטע אויסזיכט אויף א פערטעל מיליאן זעה איך ניט איין, ווארום דו זאלסט דיך דארפען אזוי באקלאגען.

טילי האט געמוזט צושטימען.

זי האט איהר לוסטיגען לעבען געפיהרט מיט סעמ'ס געלד. זי האט אויך ניט געצווייפעלט אז סעם וועט געוויס איהר געבען דאס פארשפראכענע געלד, דען ביז יעצט איז ער צו איהר געוועזען אזוי פריינדליך און האט איהר אלעס געגעבען מיט אן אפענער האנד. ער האט קיינעם פון איהר וואונש ניט געלאזען אונבעפרידיגט.

איין געוויסען טאג האט זי איהם געפרעגט ווען וועט זי דעם פערטעל מיליאן ערהאלטען.

— ווען איך וועל מיין ציעל ערהייכען.

— ווען וועט דאס געשעהן?

— אין א יאהר פון היינט.

— און ביז דאן?

— ביז דאן קריגסטו אויף מיין רעכנונג וויפיעל דו געברויכסט.

טילי האט זעהר פיעל געברויכט, דאס הייסט, זי איז געוועזען קלוג גענוג צו נעהמען פון סעמ'ן זעהר פיעל, אבער פון דאס געלד וואס זי האט פון איהם געקראגען האט זי אימער באהאלטען דעם גרעסטען טייל ער זאל דערפון ניט וויסען.

סעם האט פון איהר מעהר קיין זאך ניט פארלאנגט. וואס זי האט געהאט צו טאן איז שוין געשעהן דורך איהר עדות אין געריכט, וואס האט געבראכט דאס פרענק זאל פאראורטיילט ווערען.

איהר ליעבע צו פרענק'ען האט זי אין איהר באקוועמען לעבען פארגעסען. טילי האט יעצט געזוכט צו געווינען סעמ'ען פאר זיך, ניט ווייל זי האט איהם געליעבט, נור ווייל זי האט געוואלט צושמיעדען איהם מיט זיינע מיליאנען פון וועלכע ער האט אפט גערעדט און פון וועלכע זי האט ניט געוואוסט אויב ער בעזיצט זיי אדער ער וועט זיי ערשט שפעטער באזיצען.

איהר מוטערס דעה האט ביי איהר ניט געגאלטען.

פרוי סיבעל, טילי'ס מוטער, איז געוועזען אלט, און איהר טאכטער האט זיך וועגען איהר קיין מאל ניט געקימערט. אלס זי האט געזעהן דאס איהר טאכטער טוט וואס זי וויל האט זי ניט ווילענדיג צוגענומען אלעס פאר גוט, ווייל זי האט דאדורך אויך געהאט א בעסערן לעבען.

זי האט געוואוינט ביי איהר טאכטער, וועלכע האט געהאט א שעהנע וואוינונג מיט א דיענסט.

די גוטע צייט אין וועלכע טילי לעבט האט אויך צוגעצויגען איינגע יונגע מענער, וועלכע האבען זיך געגעבען די האפנונג דאס זיי וועלען געווינען די האנד פון דער שעהנער און אויך רייכער מיידעל.

טילי האט אבער געזאגט, אז זי וויל הייראטען א מאן מיט שכל און מיט א גרויס פארמעגען. דעם געדאנק וועלכען זי האט אמאל געהאט חתונה צו האבען מיט פרענק'ן, יענער איז פאר איהר געוועזען טויט. אזוי האט עס ווייניגסטענס אויסגעזעהן ביי איהר ביז זי האט זיך דערוואוסט אז פרענק איז אנטלאפען.

סעם האט מיט איהר וועגען דעם גערעדט, זי האט געוואוסט אז סעמ'ס אביזיכט איז צו זעהן פרענק'ן אנטלויפען און וויסענדיג מיט וועמען סעם קומט אין באריהרונג האט זי ניט געצווייפעלט אז ער האט זיין ארבייט ווי געהעריג דורכגעפיהרט)

סעם איז ניט געוועזען ארום איהר, זי האט אויך ניט געוואוסט וואו ער געפינט זיך. זי האט דארום קיין אהנונג ניט געהאט וואו פרענק קען זיך געפינען. דער חשק צו וויסען וואס מיט איהם האט פאסירט איז געוועזען גרויס אזוי אז זי האט פלוצלינג גענומען פיהלען אז אין איהר הארץ ליגט עפעס פארבארגען וועגען פרענק'ען.

טילי האט באשלאסען אוועק צו דארא'ס חבר'טע און ביי איהר אויסגעפונען אלע איינצעלהייטען.

ביי זיך האט טילי באשלאסען אז וואס עס זאל ניט פאסירען טאר דארא מיט פרענק'ן ניט חתונה האבען. איך וועל ניט זעהן, און אויב עס איז נויטיג אז פרענק זאל צוריקגעהן פון וואנען ער איז געקומען) וועט עס איהר אויך ניט אפשרעקען צו טון.. מיט דעם געדאנק איז זי אוועק איבעררעדען מיט פאולין.

(ווע״ט פארזעצט)

געוועזענער יוגאסלאווישער וואשינגטאנער געזאנדטער וועגען אמעריקאנער אידען

נאוויסאד, (אי.ט.א.).

דער געוועזענער יוגאסלאווישער געזאנדטער אין וואשינגטאן, דר. תאוויטש, האט דא געהאלטען א פארטראג וועגען אמעריקאנער אידענטום. דער געזאנדטער האט זיך פארגעשטעלט אלס לאנגיעהריגער פריינד פון ריכטער לואיס ד. בראנדייס, און האט געשילדערט דאס גאנצע אמעריקאנער אידענטום אלס זעהר פלייסיג און אויסדויערנד. דער אמעריקאנער איד איז א גוטער שטאטסבירגער, ער שאצט הויך די פרייהייט פון אמעריקא און בלייבט דערביי געטריי דער אלטער היים, פון וועלכער ער שטאמט און וואו עס געפינען זיך די קברים פון זיינע עלטערן און קרובים. יעדער אמעריקאנער איד, סיי ארעם סיי רייך, סיי אן איינגעוואנדערטער סיי אן אלטער תושב, פיהלט א טיפען שמערץ אין הארצען, פארוואס די אידען ווערען כמעט אין אלע לענדער באהאנדעלט אלס געסט אויפ'ן לעצטען פלאץ, און פארוואס די אידען האבען ניט די זכיה צו האבען אן אייגען לאנד, אן אייגענע היים, וואו זיי זאלען אויך קאנען אויפנעהמען געסט און וויזען דער וועלט, ווי אזוי אידען באהאנדלען געסט אין א אידישער היימלאנד.

דיאמאנטען

קעש אדער קרעדיט

זייט זיכער אנצוקוקען אונזער גרויסען סטאק פון דיימאנדס. מיר גאראנטירען אייך צו שפארען געלט.

JACOBS BROS.

15 טאראנטא ארקייד.

גיט אכטונג אויפ'ן עלעקטרישען סיין.

לערענט דעזיינינג

איך פארזיכער אויסצולערנען דעזיינינג פאר מענער און באיס קלאדינג. איך מאך פעטערנס פאר די טרייד. פראבירט א פעטערן.

I. FREEMAN

668 YONGE ST.

TELEPHONE RANDOLPH 0618

דר. ס. פערלמאן

דענטיסט

198A קווין סט. וועסט

טעלעפאן עדלייד 7279

הויז טעל. הילקרעסט W 6373

אפען אווענטען.

גראמאפאן האספיטאל

מיר פיקסען אלע סארטען גראמאפאנס מיר גאראנטירען צופרידענהייט. פרייזען ביליג. מיר קומען נאך דעם גראמאפאן אין אלע טיילען פון דער שטאדט. אונזער אדרעס איז: 250 קווין סטריט וועסט.

נייעס

מר. פעלדמאן פון די באיעס קלאדינג, לאזט וויסען אז יעדער איינער קאן קויפען ביי איהם די שעהנסטע באיעס סוטס, אווערקאוטס און פענטס. בלויז מיט א קליינער איינצאהלונג און מיט 1 דאלאר א וואך אויסצוצאהלען. עס וועט אייך אזוי ארום אנקומען גרינג און אייערע קינדער וועלען זיין באקליידט. איהר קענט אויך אהרדערן אלעס אויף אויסצוצאהלען מיט בלויז 1 דאלאר א וואך.

ביי אונז קריגט איהר צו קויפען גוטע מענער סוטלענקס און פענטס לענקס ביליג.

ב. פעלדמאן, 545 קווין סט וועסט
טעלעפאן עדלייד 4792.
4184-4-29)

נייעס!

דער איינציגער אידישער ארטיסט, יוסף בורשטיין, וועלכער האט גערעדעקארייטעט די לאנדאנער, גאליציאנער און רוסישע שולען, ארבייט יעצט פאר זיך. איך ארבייט צוזאמען מיט נאך עטליכע גוטע בעלי מלאכות. מיר מאכען אלערליי ארבייט וואס געהערט אריין אין דיזען טרייד, ווי פענסי ארטיסט דעקארייטינג, פייפערהענגינג, פיינטינג, גריינינג און פלאסטערינג. אלעס ווערט געמאכט ערשטע קלאסיגע ארבייט און צו מעסיגע פרייזען. צופרידענהייט און גוטע באהאנדלונג גאראנטירט. אונזער נאמען איז:

The UNITED ART DECORATORS

טעלעפאן לייקסייד W 5379
אדער טריניטי F 3894
52 סענט פעטריק סטריט.
4059-3-14)

Mme Regina's

מאדאם רעגינא'ס

מילינערי מאדעל סאלאן

מיר האלטען
די נייעסטע אימפארטירטע העטס
מיר פארקויפען טרימינגס און בלומען
ווי אויך קינדערישע העטס.
מיר האבען נאר וואס אריינגעקראגען
די נייעסטע פאסאנען

252 מעקאל סטריט

לעבען קאלעדזש.
פאן: טריניטי 5242.

כלויז חזן וולאדאווסקי

איז אנשטענדיג, ריין און פארזיכטיג

אלס מוהל

און מסדר קידושין.

אלע עלטערן פון קינדער זאלען דאס נעהמען אין אנבעטראכט, ווייל דאס איז אין זייער אייגענעם בענעפיט.

קאנטרי לייט קענען מיר אויך רופען אויף זייערע שמחות.

וואוינונג 62 בראנזוויק עוועניו
טעלעפאן טריניטי 1076.
פאר ארימע אומזיסט.

פארלאנגט
Want Ads.

פארלאנגט א גוטע פליינע קעכין צו קאכען פאר קינדער. פרעגען פאר'ן סופעראינטענדענט, אידישע קינדער היים 336 ענעס סטריט.
10488-3-10)

פארלאנגט א פארטנער אין א גוטע מאנופעקטשורינג ביזנעס מיט א קליינעם קעפיטעל. שרייבט "זשורנאל" באקס 637.
4231-3-11)

פארלאנגט עקספיריענסד פינישערס צו לײדיס טײלארינג. נאר עקספיריענסד זאלען זיך ווענדען צו אייבלעס, 9 דזשעראלד סטריט וועסט.
40-3-10)

אינקאם טעקס־פארמס מוזען אויסגעפילט ווערען ריכטיג, רינגט אב י. ראזען אקאונטענט, טריניטי 6672 דזשיי. 70 בעלוויו עוועניו, אדיט, פיהרט ביכער און דאקומענטען בכלל.
14673-3)

פארלאנגט עקספיריענסד אפרייטערס צו לײדיס קאוטס און סוטס. זיך גלייך ווענדען זיך צו קיסטאן גארמענט קא. 28 טעמפערענס סטריט
35-3-10)

פארלאנגט א מיידעל אדער א פרוי צו הויז ארבייט. פרעגען 740 באטהורסט סטריט.
4257-3-10)

פארלאנגט א לײדיס שניידער זאל קענען נייען ביים האנט און מאשין. פרעגען נאלד, 105 סענט פעטריק סט. טעלעפאן עדלייד 3379.
4272-3-10)

ביזנעס שאנסעס
Business Chances

פייפער הענגינג און פיינטינג

איך מאך די בעסטע דזשאבס אין פיינטינג און פייפער הענגינג. גוט און ביליג. בעסטע צופרידענהייט. טעלעפאנירט גלייך. טריניטי F 8316
מ. קירשענבוים, 100 דעניסאן עוו.
10301)

פייפער הענגינג און פיינטינג

די אסינגטאנער פיינטינג און וואל־פייפער סטאר לאזט וויסען זייערע קאסטומער אז מיר פיינטען און דעקארייטען אייערע הייזער צו די ביליגסטע פרייזען. אויך פארקויפען מיר פייפער צו די ביליגסטע פרייזען. גרויסער בארגיין אויף פיינט און וואל־פייפער. גיט אונז א טרייעל. טעלעפאנירט לייקסייד 0947 אדער לייקסייד 7581 — 166 אסינגטאן עוועניו, אייגענטימער סעם קאטץ
4208-3-18)

באקאנטמאכונג!

מיר קויפען סעקאנד הענד קלינע פוירניטשור, מיר צאהלען די בעסטע פרייזען. לאזט וויסען אין 511 קווין סטריט וועסט.
4256-3-13)

טשעסטערפיעלדס

טשעסטערפיעלד סעטס געמאכט צו ארדער. די בעסטע מאטעריאל און ארבייט גאראנטירט. סייפט דעם ריטײלערס פראפיט, מיר מאכען אויך ריפּיירס. ניו־יארק טשעסטערפיעלד קא. 398 קאלעדזש סט. טעל. טריניטי J 5389
41-4-6)

M. BROWN,

INSURANCE OF ALL KINDS,

147 SEATON ST.,

PHONE MAIN 2364W

חזן קאפלאנ'ס

נייער אדרעס איז

484 בראנזוויק עוועניו

טעלעפאן הילקרעסט W 5171
אפיס 11 קאלבארין סט.
טעלעפאן מיין 2907.

צו פארענטען
To Let

צו פארענטען 6 רומס איבער א סטאר אלע קאנוויניענס, באהייצט, ווינדע בליינדס, אוילקלאט, סעפערעט אריינגאנג, יארד און שעד גלייך אריינצומופען. פרעגען 179 מיקאל סטריט.
4263-3-11)

צו פארענטען א פלעט פון 3 שעהנע רומס, ניי דעקארירט מיט אלע קאנוויניענס, סינק און קיטשען, גלייך אריינצומופען אויב נויטיג. פרעגען 52½ סט. פעטריק סטריט.
4249-3-10)

צו פארענטען אן אפארטמענט פלעט, 5 רומס באט סטים היט, אלע קאנוויניענס, 185 מיקאל סטריט פאזישאן אפריל דעם ערשטען פרעגען 224½ סימקא סטריט טעלעפאן עדלייד 5645.
4284-3-10)

צו פארענטען 2 רומס אלע קאנוויניענס, ניי דעקארירט, עלעקטריק, גאז מעסיגע רענט צו א קאפעל. פרעגען מאראוויצקי, 19 מענינג עוו. טעלעפאן טריניטי 6231.
4273-3-10)

צו פארענטען א 7 רומיגע הויז, ניי דעקארירט, אלע קאנוויניענס, עלעקטריק פיקסטשורס, גאז, 178 באלדווין סטריט קעגענאיבער קענזינגטאן. גלייך אריינצומופען. ביליג רענט. פרעגען 361 קווין סט. וועסט. טעלעפאן עדלייד 0961.
*)

א פלעט פון 2 אדער 3 רומס סינק אין קיטשען סעפערעט גאז פאסיג פאר א קאפעל, פרעגען שניפער 10 פהיבי סט. עדלייד 2924.
4299-3-10)

א סטאר מיט רומס צו פארענטען, גלייך אריינצומופען, 163 באלדווין סט. פרעגען אויפ'ן פלאץ.
4291-3-10)

צו פארענטען א פלעט פון 3 רומס מיט אלע קאנוויניענס, עלעקטריק, הייס וואסער. פרעגען 127 ליפינקאט סטריט
4288-3-10)

צו פארענטען א פלעט פון 3 רומס אלע קאנוויניענס. פרעגען 124 בראנזוויק עוו. טעלעפאן טריניטי J 8938
4277-3-11)

צו פארענטען א פלעט פון 3 רומס סעפערעט גאז, עלעקטריק, סינק אין קיטשען, טעלעפאן. פרעגען 284 יוראן סטריט.
4278-3-12)

צו פארענטען א פלעט פון 3 רומס עלעקטריק פיקסטשורס, ניי דעקארירט. ביליג רענט. פרעגען 212 מיידזשאר סט.
4302-3-11)

עלעקטרישען

הויז וויירינג און ריפּיירס, עסטימעטס. קיין דזשאב צו גרויס אדער צו קליין. קיין שאדען צו די דעקאראציעס ביים פיקסען.

דזשיי דזשייקאבסאן

27 באלדווין סטריט
טעלעפאן טריניטי J 3248

האט איהר אויגען טראבעל?
האט איהר קאפ שמערצען?

דאן זעהט זיך מיט דעם אידישען

אפטאמעטריסט

— און אפטישען —

וועלכער איז אויטאריזירט פון גאווערמענט

דר. העגרי הערריס

279 קאלעדזש סט.
(לעבען ספעדיינע)
אפען ביז 9 אוהר אין אווענט

DR. HENRY HARRIS

EYESIGHT SPECIALIST
Phone Trinity 6604
279 College St. Near Spadina
Open until 9 p. m.

פרייזען פאר
קלאסיפייד אדווערטייזמענטס

"פארלאנגט" און "צו פארענטען" אדווערטייזמענטס.

25 סענט קעש פאר ביז 25 ווערטער. פאר 35 סענט, אויב דורך א "טשארדזש אקאונט".

יעדעס ווארט איבער 25, ווערט גערעכענט צו סענט א ווארט.

ציפערן ווערען גערעכענט, יעדער ציפער באזונדער אלס א ווארט.

פאר קעפלאך איבער די אדווערטייזמענטס וואס ווערען גערעכענט 25 סענט עקסטרא פאר יעדען מאל.

פאר „באקס סירוויס" 10 סענט עקסטרא

צו פארקויפען, ריעל עסטייט, ביזנעס שאנסעס און אלע אנדערע אדווערטייזמענטס אין די קלאסיפייד קאלומס — 2 סענט א ווארט.

קלאסיפייד דיספליי

6 סענט אן אגייט שורה

טויט נאטיצען אדער לויות —
ערשטע אינסערשאן 6 דאלאר, אנדערע אינסערשאנס 3 דאלאר

אדווערטייזמענטס ווערען גענומען דורכ'ן טעלעפאן, נאר פון די יעניגע וועלכע האבען מיט אונז א "טשארדזש אקאונט".

דער "זשורנאל" וועט נים זיין פאראנטווארטליך מעהר ווי פאר איין נים ריכטיגע אינסערשאן אויב עס האט נים געלאזט וויסען דעם טעות אין דעם זעלבען טאג, איז עס דעם אדווערטייזער'ס פארלוסט.

קויפען און פארקויפען
Bought and Sold

א הויז צו פארקויפען, 329 ליפינקאט סטריט, 6 רומס, אלע קאנוויניענס, גרויסער יארד און סטייבעל. $4300. פרעגען לאיער שולמאן, 72 קווין וועסט.
10498-3-10)

צו פארקויפען אדער פארענטען א סטאר מיט 7 רומס דאנדעס נעבען מענינג, אלע קאנוויניענס. פרעגען 351 יאנג סטריט.
4239-3-12)

צו פארקויפען א 7 רומיגע הויז, אלע קאנוויניענס, סייד ענטרענס, פראנטיידזש 126 ביי 25. פרעגען 66 נעסאו סטריט.
4240-3-12)

זעלטענע געלעגענהייט. א גוטגעהענדע דריי גודס סטאר צו פארקויפען, אלעס סטייפעל גודס, גאראנטירט צו מאכען דעם בעסטען לעבען. 5 יאהרליעס, 5 רומס, אלע קאנוויניענס. אורזאכע פארטנערשיפ. פרעגען 372 קווין איסט.
4254-3-10)

עליזאבעט סטריט בארגיין

צו פארקויפען א סטאר מיט רומס גוט פאר עני ביזנעס א גוטער ספעקולייישאן אדער אינוועסטמענט לעבען רעדזשיסטער אפיס, מוז קריגען 28 הונדערט קעש, טעלעפאנירט טריניטי J 4920
4274-3-11)

3 רומס פוירניטשור צו פארקויפען פרעגען 356 יוקליד עוו.
4295-3-11)

צו פארקויפען א דריי גודס סטענד, עסטאבלישט 7 יאהר אהן סטאק, ביליג רענט. אורזאכע אויפ'ן פלאץ. פרעגען 2794 דאנדעס סט. וועסט.
4303)

צו פארקויפען א האפמאן פרעס מאשין. ריזענייבעל פרייז. פרעגען ל. ווייט און סאן, 135 סענט פעטריק סט.
84-3-12)

רעוו. שאול זאב גרינגארטען

26 סיסיל סטריט

איז דער באוואוסטער ערפאהרענער

מוהל ומסדר קדושין

טעלעפאן טריניטי W 7412

זיין פערזענליכען בעסטען אטענשאן גיב איך סיי אין האספיטאל ווי אויך פריוואט.

א נאמען וואס קלינגט איבער דער גאנצער וועלט

מאנישעוויטץ מצה
די מצה מיט אלע מעלות

The B. Manischewitz Co.
CINCINNATI, O.
NEW YORK OFFICE: 13 UNIVERSITY PL. TEL: SPRING 8784

Cunard Line — פריפייד ביזנעס — Anchor-Donaldson Line

קויפענדיג אייערע טיקעטס אריבערצוברענגען אהער פריינט אדער קרובים, זעהט אז זיי זאלען פאהרען אויף איינער פון דיעזע ליינס.

די קאמפאניע האט אפיסעס אין אלע אייראפייאישע צענטרען, אריינרעכענענדיג רוסלאנד און אוקראינע. נייע גרויסע סטימערס — גוטע שפייז, אויסגעצייכענטע באקוועמליכקייט. געלט קיין רוסלאנד קען יעצט אויסגעצאהלט ווערען אין דאלארס — דאס איז דער בעסטער וועג צו שיקען געלט צו אייערע קרובים. פאר אינפארמאציעס פרעגט ביי אונזערע לאקאלע אגענטען אדער ביי

The ROBERT REFORD CO., Limited
217 Bay St. Toronto

דארפט איהר
א פלאמבער, א קארפענטער, א פיינטער אדער אן אנדער בעל מלאכה
א מארטגיידזש, א פארטנער אדער אן אנדער ביזנעס אנגעלעגענהייט

ווילט איהר
פארקויפען אדער פארענטען אייער הויז אדער רומס
פארקויפען אדער קויפען אלטע פוירניטשור
מאכען קליידער פאר אייערע קינדער אדער קויפען פארטיגע קליידער

זוכט איהר
צו קויפען אדער פארקויפען א ביזנעס
א גוטען לאיער, אן אינשורענס מאן, אדער פראפעסיאנעלע דיענסט

לעזט די קלאסיפיצירטע אדווערטייזמענטס

שטעלט אריין אן „אד" אין

„אידישען זשורנאל"

די איינציגע אידישע צייטונג אין אנטאריא

דער אידישער פראפעסאר

א היסטארישער ראמאן.
פריי בעארבייט ספעציעל
פאר'ן „אידישען זשורנאל"

פון מ. ר.

אין זיבען און דרייסיגסטען יאהר, נאך דער קריסטליכער צייט רעכנונג, איז אין דער אלעקסאנדריער אקאדעמיע וועלכע איז געווען דער פארזאמלונגס פונקט פאר די גרעסטע פילאזאפען, פאעטען, און בכלל וויסענשאפטס מענער, פארגעקומען א פארפאל, וועלכער האט אריינגעבראכט אלע מיטגלידער אין א געדריקטער שטימונג, און אויך ניט אין קיין קליינע איפרעגונג. אין דעם אויבענדערמאהנטען יאהר, אין מאנאט מערץ, האט זיך „אפיאן", נאכדעם ווי ער האט מיט א יאהר פריהער פארלאזט די אקאדעמיע, אדער ריכטיגער געזאגט, פון איהר מיט זיינע עזות'דיגע אויפפיהרונגען, ארויסגעטריבען געווארען, זיך צוריקגעקעהרט, מיט דער כונה, צו שטעלען זיין קאנדידאטור אלס „נשיא", וועלכער האט געדארפט געוועהלט ווערען אין דער אקאדעמיע.

זיין ערשיינונג אין דער אקאדעמיע, האט אלע חברים אויפגערעגט; צום ערשטען האט זיך א שטילעס מורמלען געהערט, נאכהער אבער, באמערקענדיג זיין פרעכען שמייכעל, וועלכער האט געצייגט א „בטול" צו אלע חברים, איז דאס מורמלען אין א טומעל פארוואנדעלט געווארען. און אלע האבען געזוכט איהם צו לאזען פיהלען זייער אומצופרידענהייט פון זיין ערשיינונג, מיט די שארפסטע, סאטירישע, און וויצינגסטע אויסדריקע.

דער ערשטער האט ארויסגעטרעטען דער סאפיסט אפאלאגיוס, דער וועלכער האט זיך א גרויסען נאמען ערווארבען דורך זיין קאנקארדענגציע, וועלכע ער האט פארפאסט צו האמערס איליארע, און האט בשום אופן זיך ניט געוואלט אונטערווארפען דעם מאן, וועלכענס וויסענשאפט איז נאר אן איבערפלעכליכע געווען און שטענדיג געזוכט א געלעגענהייט צו גענימען, און זיך זעטיגען פון יעצט, וויסענדיג וואס מיט איהם איז פארגעקומען אין רוים, זייענדיג דארט, און פארלאנגענדיג פון טיבעריום'ן ער זאל איהם באשטימען אלס לעהרער פאר זיין קראנפאלגער. און ווי אזוי מיאוס ער איז פון איהם אנטזאגט געווארען, איז די געלעגענהייט געקומען, מיט איהם זיך צו רעכענען.

— חברים! איך גלויב דאס אונזער הויכגעבילדעטער חבר אפיאן, האט פארדיענט דעם כבוד צו זיין אונזער „נשיא"... האט איהר געהערט פון דעם עהרען נאמען וועלכען דער קיסר טיבעריוס האט איהם באטיטעלט? א! ניט יעדער איז זוכה צו אזא טיטל: „גלעקעל", אפיאן גלעקעל! ווי פאסענד איז דער טיטול פאר אונזער געעהרטען חבר. אפיאן פארשטעהענדיג די בייסענדע סאטירע, האט זיינע ליפען ביז בלוט געביסען און געשוויגען.

— זאג מיר, איך בעט דיך טייערער אפיאן, האט זיך דער פאעט טיפאן אנגערופען, פארוואס באהאלסטו דיין חכמה אין זיך, פארוואס פארבארגסטו דיין העלעס ליכט פון אונז. ווען רוים איז אין דיינע אויגען אזוי נידעריג און גרינגשעציג, דאס זי האט ניט די ווערט געהאט צו געניסען און זיך זעטיגען פון דיין חכמה און געלעהרזאמקייט, אבער דא אין אלעקסאנדריע, צווישען דיינע חברים און פריינד, פארוואס זאלסטו אונז ניט באגליקען, און אונז ניט מהנה זיין פון דיין אונערשעפליכע וויסענשאפט? מען זאגט אז דארט אין רוים האסטו זיך באריהמט, אז האמער האט זיך צו דיר אין חלום באוויזען, און דיר ענטדעקט דעם נאמען, פון דער איינער פון די זיבען שטעדט איז וועלכער ער איז געבוירען געווארען. ווען עס איז ווירקליך אזוי, פאר וואס זשע זאלסטו דעם סוד באהאלטען אין זיך, און ניט וועלען איהם ענטדעקען?

— דעם סוד, מיינע חברים — האט זיך אנגערופען דער וויסענשאפטסמאן דארמוס, — טאר אונזער חבר אפיאן ניט ענטדעקען, ווייל ווי מען דערצעהלט האט ער זיך אויסגעדריקט אין רוים, אז האמער האט איהם דעם סוד ענטדעקט, נאר מיט דעם תנאי, ער זאל ביי איהם בלייבען, און מיר וועלען מוזען ווארטען, ביז מיר וועלען אויך די זכיה האבען, אז האמער זאל זיך צו אונז אין חלום באווייזען, און אונז דעם סוד זאגען...

— פריינד אפיאן, האט זיך באטיום געווענדעט צו איהם, אפשר וואלטע מיך געהאט דעם כבוד אונז צו זאגען, פאר וועמען פון די גליקליכע האסטו געווידמעט דיין בוך, וועלכען דו האסט פארפאסט? דען נאך די באריכטען פון די רוימישע צייטונגען, זאלסטו זיך האבען אויסגעדריקט, דאס דער מאן, פאר וועלכען דו וועסט דיין בוך ווידמענען וועט אומשטערבליך בלייבען.

ווען אן אנדערער, וועלכער פארמאגט עטוואס זעלבסט־עהרע וואלט אזוי אויסגעשעפט געווארען, וואלט ער גלייך אנטלאפען פון דער אקאדעמיע, אפיאן דער אומפארשעהמטער, האט זיך ווענינ וואס געקימערט פון דער בייסענדער סאטירע און מיט שטאלץ געענטפערט:

— אז אלטעס שפריכווארט זאגט. קיין נביא ווערט ניט אנערקענט אין זיין געבורטס ארט, און זאל מיין גורל זיין דער זעלבער, ווי דער, פון אלע גרויסע און געלעהרטע מענער, און עס קימערט מיך גאנץ ווענינ אייער „חוזק", ווייל איך ווייס, דאס נאך צוליעב „קנאה" האט איהר דעם אנגריף אויף מיר געמאכט. אבער לאזט איבער אייער וויצלען זיך אויף אן אנדער צייט, און לאמיר זיין ערנסט. זאגט מיר, איך בעט אייך, האט איהר שוין א טראכט געטאן וועגען דער באשטימונג פון א „נשיא" אין אונזער אקאדעמיע?

— יא, מיר האבען מיט'ן גרעסטען ערנסט באטראכט די פראגע, איהר באהאנדעלט, און איינשטימיג באשלאסען, ניט גלויבענדיג אין דיין צודיקקומען, האבען מיר אויף דיר ניט געווארט — צו ערוועהלען איינעם פון די גרעסטע געלעהרטע אין אונזער לאנד, וועלכער אויסער זיין געלעהרזאמקייט, איז ער אויך דער עהרענהאפטיגסטער און זויליבסטער אונטער געוויסע־חברים...

— קענט איהר אזוי גוט זיין און אנרופען דעם נאמען פון דעם פון אייך אזוי געריהמטען, וועלכער האט צו דעם כבוד זוכה געווען? און א סארקאסטישער שמייכעל האט זיך אויף זיינע לייפען באוויזען. דערמיט צו לאזען זיי מערקען, אז מיט דער באשטימונג פאר אן אנדער פערזאן, וועט ער זיך ניט רעכענען.

— געווים, געווים, ליעבער אפיאן וועלען מיר איהם אנרופען, און דאס איז קיין אנדערער, ווי אונזער עהרווירדיגער פילאזאף „פהילא"...

ווי געביסען פון א שלאנג איז אפיאן פון זיין ארט איפגעשפרונגען:

— וועמען, וועמען זאגט איהר? זאל איך עס גלויבען מיינע אויערען? „פהילא" דעם אידען פאר א נשיא אין אונזער אקאדעמיע? ממזרים וואס איהר זענט! ווי האט איהר געוואגט צו פארשוועבען דאס הייליגקייט פון אונזער אקאדעמיע, וועלכע איז באריהמט אין דער גאנצער וועלט. גאר אין זינען האבען, און אויף אייערע געדאנקען ארויפברענגען דעם נידערטרעכטיגען און שמוציגען אידען פאר א נשיא צו באשטימען?

די אויסגעשפראכענע עזות'דיגע ווערטער, האבען ביז גאר אויפגערעגט די אלע חברים. א שרעקליכער שטורם איז אנטשטאנען. אלע האבען זיך צו איהם געווארפען, איהם מכבד זיין ווי ער האט זיך פארדינט, אבער פלוצלינג האט זיך פון זיין ארט אויפגעהויבען דער הונדערט יאהריגער „עפראנער" אפיאנ'ס געוועזענער לעהרער, און געגעבען א צייכען צו שווייגען. „עפראנער", וועלכער איז די גאנצע צייט פארטיעפט אין געדאנקען געזעסען, און קיין אנטייל אין די געשפרעכען פון זיינע חברים ניט גענומען, האט אבער גלייכגילטיג ניט געקענט בלייבען, הערענדיג די לעצטערע ווערטער אויף דער רעכענונג פון איינעם פון די עהרליבסטע און העכסט געבילדעטע מענשען.

ניט אזוי לייכט איז איהם אנגעקומען צו באהויגען און איינשטילען די אויפגערעגטע חברים. מעהרערע מינוטען זענען פאריבער, ביז זיי האבען זיך באזרוהיגט.

— שעהמען זאלסטו זיך, עזות'דיגער אפיאן! דו נידעריגער מענש. דו, נאר דו מיט דיינע עזות'דיגע ווערטער האסט פארשוועכט אונזער געריהמטע אקאדעמיע, און מיט שאנדע באדעקט דעם גרויען קאפ פון דיין געוועזענעם לעהרער... אה! ווען איך וואלט געוואוסט בעפאר מיט דרייסיג יאהר, וועלכע טייערע „כלי" פון מיין תלמיד וועט ווערען. ווען איך זאל געווען טיעפער שטודירען די פסיכאלאגיע פון דיין נשמה, דאן ביי גאט, וואלט איך דיך ווי דעם גרעסטען אויסוואורף פון זיך פארטריבען, צו די פישערס וואלט איך דיך איבערגעגעבען, דארט צווישען זיי איז דיין פלאץ, ניט צווישען אונזערע חברים אין דער געעהרטער אקאדעמיע...

ווי האסטו זיך געקענט נעהמען דאס רעכט צו באשמוצען דעם פון אונז אלעמען געליעבטען פילאזאף פהילא'ן, דערפאר וואס ער איז א איד? וועמען דארף עס אינטערעסירען א גלויבען, וועלכע שטעלט צופרידען און באהויגט דעם געמיט פון דעם גלויביגען? וואס פאר א שיכות האט דער גלויבען מיט דער וויסענשאפט, וועלכע שטערונג קען זי פארארזאכען דער זעלבער? דו אפיאן שטאלצירסט מיט דיין גריכישער אפשטאמונג? אבער גלויב מיר, דאס פהילא דער „איד" איז מעהר אנשטענדיגער „גריך" ווי דו!...

היינטיגע פארזעצונג

די הארצעגס טיפע אויסגעשפראכענע ווערטער פון דעם געעהרטען גרייז, וועלכע זענען אויפגענומען געווארען מיט דעם גרעסטען אפלאוז, פון אלע חברים, האבען אפיאנ'ען געגעבען צו פארשטעהן. דאס זיינע פארפטונגס ווערטער זענען זייער שיטא, זענען ניט געווען צופאר בארעכענטע, און זיי וועלען איהם מעהר שאדען ווי ניצען בדענגען, און ער האט אן אנדער טאן גענומען.

— רב, מיין לעהרער עפראנער האט ער מיט א שמייכעל אנגעפאנגען. רב, מיין רבי, האסט מיר שלעכט פארשטאנען; ניט דעם אידען פהילא האב איך אנגעגריפען, נאר דעם שטאלצען און פאלשען פהילא, וועמענ'ס שטאלץ ערלויבט ניט צו רעכענען זיך אלס חבר צוזאמען מיט אלע אונזערע חברים... דעם פאלשען פילאזאף, וועלכער וויל פון משה'ס תורה א נייע פילאזאפיע שאפען און מיט איהר די גאנצע וועלט באגלייקען... א פילאזאפיע, וועלכע איז געגענזעטליך — דורך איהר פאלשקייט, מיט איהרע נארישע דאגמעס — דער אנערקענטער גריכישער פילאזאפיע.

— אפיאן! דענקסטו, דאס מיט דיין שלאנגעדצונג וועסטו פאר מיר דיינע בייזוויליגע געדאנקען פארבארגען? איז מיר דען ניט באקאנט, אז די סבה פון דיין שרעקליכער שנאה צו פהילא'ן דעם אידען, איז ניט די, וועלכע דו צייגסט אן? איז מיר דען ניט באוואוסט די רכילות, וועלכע דו פיהרסט אן אויף איהם איז נאר צוליעב קנאה? דו קענסט ניט דולדען די ריכטיגע אפשאצונג פון די ווערטפולע איינענשאפטען, מיט וועלכע דער פילאזאף פהילא, דער איד, איז באגאבט; דיינע אויגען קענען ניט, א דאנק דער קורצזיכטיגקייט — קוקען אין דעם העלען ליכט, וועלכעס ער האט אין דער וויסענשאפט אריינגעבראכט און דו זוכסט עס צו פארוואלקענען, אבער...

דער עהרווירדיגער גרייז איז פלוצים אפגעהאלטען געווארען פון פארזעצען זיין „מסור", דעם פאלשען אפיאן, דורך דעם אריינקומען פון א יונגען מאן, וועלכער האט מיט זיין אריינקומען ארויסגעהופען א פרייד פון אלע חברים. דער יונגערמאן איז קיין אנדערער ניט געווען, ווי אפעלום, פהילא'ס זוהן, וועלכער איז געווען באליעבט ביי אלעמען, אבוואהל ער האט זיך ניט גערעכענט צווישען זיי — ווי זיין פאטער — אלס „חבר". ער איז באליעבט געווען א דאנק זיין געלעהרזאמקייט און עניות'דיגקייט, מיט וועלכען ער האט זיך ווי זיין פאטער, אויסגעצייכענט.

נאכדעם ווי ער האט זיך העפליך באגריסט מיט אלע בייוועזענדע, האט ער זיך געווענדעט צו עפראנער און אויסגעשפראכען:

—איך קום אין נאמען פון מיין ליבען פאטער, וועלכען זיין קראנקהייט ערלויבט ניט אליין צו קומען, און דאנקען דיר געעהרטעסטער עפראנער צוזאמען מיט דיינע געשעצטע חברים, פאר דעם גרויסען כבוד וועלכען איהר האט צוגעטיילט איהם צו באשטימען אלס נשיא פון דער לויבענסווירדיגער אקאדעמיע. לײדער אבער, צוליעב וויכטיגע געשעהענישען און אינטערעסען, וועלכע דיהרען אן ביז אין דער נשמה פון זיינע גלויבענסגענאסען, איז ער געצוואונגען זיך צו אינטערעסירען, איז ער ניט אומשטאנד דעם זעהר בכבוד'ען אמט אנצונעהמען.

די ערקלעהרונג פון דעם יונגען אפעלום, האט אלע חברים צום שטוינען געבראכט און זייערע געמיטער באטריבט.

אפיאן מיט דעמעטריום האבען זיך מיט נצחון'דיגע אויגען איבערגעקוקט.

— זעהט איהר, — האט זיך דערמעטריוס, מיט א סארקאסטישען שמייכעל אנגערופען — זעהט איהר ווי גערעכט אפיאן איז, אנווייזענדיג אויף דעם שטאלץ פון דעם הוצפה'דיגען אידען, וועלכען געלעהרזאמע גריכען, האבען נאך די „העזה" צו רעכענען פאר זייער גלייכען און אפשר נאך העכער, מיט דעם וועלען איהם באשטימען אלס נשיא איבער זיך...

עפראנער, וועלכער איז באשטירצט געווארען פון אפעלום'עס פלוצלינגער ערקלעהרונג, איז איינגע מינוטען ניט אומשטאנד געווען צו זיך צו קומען.

— וואס קען עס באדייטען, — האט ער, נאך עטוואס בארוהיגען זיך, צו אפעלום'ען געווענדעט. דיין פאטער האט אפגעווארפען די באשטימונג פון דער אקאדעמיע?

— צום באדויערען איז ער געצוואונגען דערצו, ווי איך האב אייך שוין ערקלעהרט.

— געצוואונגען? וועלכער דרינגענדער אינטערעס האט איהם צו דעם אפזאג געצוואונגען? ערקלעהר אונז דייטליכער, ליבער אפעלום.

(ווערט פארטגעזעצט)

מיר האבען זיך פארפליכטעט צו געבען דעם פובליקום— „טעקסי עקאנאמיע"

מיר ווייסען אליין אז מיר זענען די דיענער פון דעם פובליקום. מיר ווייסען אז וואס בעסער מיר דיענען דעם פובליקום, אלץ מעהר וועלען זיי נוצען **יעלאו קעבס.** האבענדיג איבזינגען דיזען אידעאל—פערפעקטע סערוויז—מאכען מיר היינט **עפענטליכען אנאנסמענט** און מיר גיבען אונזער הייליגען פארשפרעכען אז—

וואס מעהר איהר נוצט
יעלאו קעבס
אלץ ביליגער וועלען מיר מאכען די רייטס

אייער קאסט פאר א **יעלאו קעב** איז באזירט אויף אונזער אפערירונגס־קאסט צוזאמען מיט א קליינעם פראפיט. א ווירקזאמע פארוואלטונג, די שטארקסטע טעקסי־קעבס און די ערפאהרענע דרייווערס—דיזע זאכען מאכען אינזער אפערירונגס־קאסט בילינ, מיט'ן רעזולטאט אז איצט זענען די **יעלאו קעב רייטס די ביליגסטע אין שטאדט.**

נון, עס איז א פאקט אז וואס מעהר אונזער געשעפט וואקסט, אלץ ביליגער קאסט איז צו אפערירען. מיר פארפליכטען זיך, דעריבער, צו פאלגענדעס: **וואס מעהר די טאראנטאר מענשען וועלען נוצען יעלאו קעבס, אלץ ביליגער וועלען אונזערע רייטס ווערען.** די איצטיגע אויסזיכטען, געאורטיילט לויט דעם פארגרעסערטען געברויך פון **יעלאו קעבס** אין די לעצטע עטליכע וואכען, פיהרען אונז צו גלויבען אז **נאך ביליגערע רייטס** וועלען גאר אינגיכען אנאנסירט ווערען. עס ווענדעט זיך אן אייך—וואס מעהר איהר וועט נוצען **יעלאו קעבס,** אלץ מעהר וועלען די רייטס ביליגער ווערען.

„יעלאו קעב" רייטס זענען די ביליגסטע אין שטאדט

30 ס. פאר דעם ערשטען 1-3 מייל אדער א טייל דערפון

10 ס. פאר יעדען ווייטערדיגען 1-3 מייל אדער א טייל דערפון

קיינע עקסטרא טשארדזשעס נאך האלבע נאכט.

מ'רעכענט אייך גארנישט פאר קומען אייך נעהמען.

מ'רעכענט אייך גארנישט פאר אומקעהרען זיך אין גאראדזש.

קיין שום „פלעט"־טשארדזש פון 25ס. אדער 50ס. פאר איבערקרייצען דעם צענטער פון שטאדט.

קיינע „פלעט"־טשארדזשעס פון 25ס. פאר סטאפס.

קיין שום עקסטרא קאסט פאר מעהר ווי 2 פאסאזשירען. (פינף פאסאזשירען פאר די זעלבע געלט).

איהר דארפט ניט זיצען מיט'ן דרייווער—אין א יעלאו קעב קאנען זיצען פינף פאסאזשירען אינווענינ.

האנט באגאזש ווערט געפיהרט פריי.

ספעציעלע אויפמערקזאמקייט צו אלטע און קינדער.

יעלאו קעבס זענען די שטארקסטע טעקסיקעבס אין דער וועלט—**זיכערהייט.**

דאס זענען אונזערע רייטס היינט־צו־טאג—די ביליגסטע אין שטאדט. קאמפערירט מיט אונז—און מיר וועלען זיי מאכען ביליגער. עס איז אונזער העכסטע אמביציע צו געבען טאראנטא די בעסטע טעקסיקעב סערוויז און די ביליגסטע טעקסי־רייטס אויף דעם אמעריקאנער קאנטינענט. מיר בעטען אייך צו העלפען אונז—און מיר פארפליכטען זיך צו רעדוצירען אונזערע רייטס ביי יעדער געלעגענהייט, ווען דער געברויך פון די **יעלאו טעקסיס** וועט זיך פארגרעסערען און וועט אונז דערמעגליכען צו רעדוצירען דעם דורכשניט־קאסט פון אפערירונג.

די מענשען פון טאראנטא ווילען **טעקסי־עקאנאמיע**—זיי האבען עס **איצט** אין **יעלאו טעקסי־רייטס**—מיר וועלען עס נאך מאכען מעהר עקאנאמיש.

„יעדער מייל א שמייכעל"—ווען איהר רופט— מיין 7300

YELLOW CAB LIMITED



דער דענקענדיגער יונגערמאן
רופט א „יעלאו טעקסי"
37 דזשארוויס סטריט

באקאנטמאכונג

די יעהרליכע שאו און סייל פון
גענוצטע פארמאכטע קארס

וואס ווערט פארקומען אין אונזערע שאורומס

100 ריטשמאנד סט. וועסט

דריי טעג

מאנטאג, דינסטאג און מיטוואך
מערץ דעם 10טען, 11טען און 12טען

די קארס וואס ווערען געוויזען זענען גוט־אויסזעהענדע, גוט־פאהרענדע פארמאכטע קארס פון בעסערען קלאס. וואו נויטיג זענען זיי איבערגעפיינט געווארען און אלע זענען צו ביליגע פרייזען. אונטער אזעלכע באדינגונגען וועלען זיי אהן צוויפעל שנעל פארקויפט ווערען. אויב איהר האלט ביי קויפען א קאר איז דאס אייער געלעגענהייט. צו האבען דעם בעסטען אויסוואל קומט גיין א זייגער פריה שארפ מאנטאג. די וואס קומען צוערשט ווערען צוערשט באדינט. אלע קארס קאן מען זעהן אויפ'ן מיין פלאר. די טוירמס פון אויסצאהלען זענען זעהר ליבעראלע. אייער קליינע קאר וועט אנגענומען ווערען אלס א טייל פון פיימענט.

אפען יעדען טאג פון 9 פריה ביז 10 אווענט.

Willys-Overland Sales Co., Ltd.
100 Richmond St. West

טעלעפאן ערלייד 5615

דר. מ. קיימס

דענטיסט
218½ קווין וועסט
(קארנער מיקאל סטריט)
טאראנטא.

יעקב מ. בענעט

(פון בענעט און קעמערא)
באריסטער, סאליסיטארס
נאטאריעס א. ז. וו.

2901 ראנרעס סט. וועסט טאראנטא
טעלעפאן רזשאנקשאן 9077
וואוינונג טעלעפאן רזשאנקשאן 283

THE HEBREW JOURNAL
דער אידישער זשורנאל
H. Winberg, Pres. & Gen. Mgr.
The Only Daily Jewish Newspaper In The Province of Ontario.
PUBLISHED BY
CANADIAN JEWISH PUBLISHING Co. Ltd.
251—253 Queen Street West Telephone Adelaide 3967
Subscription Rates $6 PER YEAR, $3.50 SIX MONTHS
Single Copy — 3 cents
Entered as Second Class Mail Matter at C. P. O. Toronto Ont.
January 22nd 1913

נאך א הערשער אין גלות

אין פערסיע איז דא א הערשעריל. נאך גאר א קינד. אבער די מדינה האט איהם געהאלטען אויף איהרע אקסלען און האט איהם טאלערירט, דער פאטער זיינער, דער געוועזענער שאך, איז שוין לאנג אין גלות אוועק. האט מען זיין זוהן אויפ'ן שטול ארויפגעזעצט און מען האט איהם געצוואונגען צו הערשען.

עס איז געווען א פארם. דאס הערשעריל האט ניט געהערשט. ער איז געווען ניט מיהר ווי קעניגליכע דעקאראציע, וואס איז ניט מעלה און ניט מוריד. אלע דעקרעטען פלעגען דערליידיגט ווערען פון די מיניסטארען. מען האט, אבער, געמוזט האבען א הערשעריל. די קעניגליכע קליקע האט אזוי געוואלט, און אזוי האט עס געמוזט בלייבען.

נו, האט מען אבער אויפ'ן הערשעריל א חטא געפונען. ניט קיין פאליטישען חטא, חלילה. דא האנדעלט זיך וועגען א פשוט'ען גנבה־סקאנדאל. עפעס מורמעלט מען אויפ'ן הערשעריל, אז ער האט ערגעץ דערטאפט די גרעסטע קרוין־ציהרונג און האט עס ארויסגעשיקט געהיימערהייט אין אויסלאנד. ער האט פשוט פארראטען די מדינה און האט סקאנדאליזירט די דינאסטיע, וועלכע האט יאהרען און יאהרען איבער פערסיע געקעניגט.

אזוי זאגט מען. אבער ווען דאס זאל אפילו ניט אמת זיין, איז עס אויך כאראקטעריסטיש פאר דער שטימונג, וואס הערשט אין דער באנייטער אייראפע בנוגע געקרוינטע קעפ בכלל. אמאליגע יאהרען וואלט מען עס אפילו ניט אויסגעזאגט, ווייל מען וואלט ניט געוואלט ווארפען א פלעק אויף דער פיזיאנאמיע פונ'ם קעניגטום. איצט, אבער, איז אלץ ערלויבט. מען מעג שוין פארשפרייטען א קלאנג אויף א כשר'ן שאך אז ער איז א גנב, אז ער האט זיין אייגענע מדינה בא'גזל'ט.

דאס הערשעריל געפינט זיך איצט אין אויסלאנד, און ער האט פשוט געקראגען א באפעהל, אז ער זאל בלייבען דארט וואו ער איז, און אז מען וועט אהן איהם אויך מאכען שבת. דערמיט ווערט אפגעשלאסען א קאפיטעל שווארצע געשיכטע פון א קעניגליכען הויף, וואו מען האט ביז איצט געטראכט, אז די ממשלה וועט איביג געדויערען. פערסיע איז ניט קיין גרויסע מלוכה. איהרע האריזאנטען זענען ניט קיין ברייטע. זי האט זיך קיינמאל ניט באמיהט צו זוכען נייע וועגען אין איהר רעגירונגס־פארם. זי האט אבער סוף־כל־סוף איינגעזעהן, אז די גאנצע מעשה פון די גאט־געזאלבטע מענשען איז ניט מעהר ווי אן אויסגעטראכטער פזמון. און זי האט ביי זיך גע'פועל'ט צו אויפגעבען דאס גאנצע שיינדעל, וואס די צייט האט אויף איהר ארויפגעצוואונגען.

מיט דער אויסווייזונג פונ'ם פערסישען שאך פון לאנד, ווערט געבוירען אין פערסיע א שווערע פראבלעם. אמת, דאס יונגע הערשעדיל איז, זאגט מען, א פאררעטער. אבער וועט פערסיע אינגאנצען אויסראטען די דינאסטיע און וועט אויף איהר ארט איינפיהרען א רעפובליקאנישע ארדענונג? דאס ווענדט זיך שוין אן די אנדערע מלוכות. אויב עס וועט קלאהר ווערען פאר דער וועלט, אז א שאך איז בעסער איידער א רעפובליקאנישער פרעזידענט, וועט מען געוויס א וואנק טאן צו איבערלאזען די דינאסטיע ווי פריהער און ארויפזעצען אויפ'ן טראן א נייעם לאיאלען שאך. אויב אבער עס זאל זיך ארויסווייזען, אז דאס שאכענטום איז א שטער פאר דער אנטוויקלונג פון די „גוטע באציהונגען" צווישען פערסיע און די גרויסע איינפלוסרייכע מלוכות — אזוי וועט מען דעם גאנצען שאך ־ בלאס אויסמעקען פון דעם פערסישען לעקסיקאן, און מען וועט איינפיהרען א רעפובליק ווי אין אנדערע לייטישע מדינות.

פראנקרייך צאהלט פאר איהר נקמה

פראנקרייך איז נקמה־דורשטיג. פראנקרייך, די פראנקרייך פון די פואנקארעס טאנצט נאך אלץ איהר וואקכאנאליען־טאנץ, און זוכט ווי א רויב־פויגעל צו פיקען דאס דייטשע הארץ. אבער די געשיכטע איז שטענדיג טריי צו זיך, די געשיכטע צאהלט שטענדיג אפ מיט בלוט פאר בלוטיגע מעשים. די געשיכטע ווייסט אפט נאר פון איין מאראל — אן אויג פאר אן אויג און א צאהן פאר א צאהן.

עס ווידערהאלט זיך דער אלטער אמת, אז דער וואס גראבט א גרוב פאר יענעם, איז גאר אליין דער קרבן אריינצופאלען אין דעם.

און פראנקרייך צאהלט דעם פרייז פאר איהר בלוטיגער נקמה, פאר איהרע בלוטיגע מעשים. זי צאהלט עס מיט איהר פראנק.

דער פראנצויזישער פראנק געהט שנעל איפ'ן וועג פונ'ם רוסישען רובעל און די פוילישע און דייטשע מארקען.

סוף וואך איז שוין דער פראנצויזישער פראנק ווערט געוועזען וועניגער פון פיער סענט, טראצדעם וואס מיט א יאהר פריהער איז נאך דער פראנק ווערט געוועזען איבער זעקס סענט.

פראנקרייך האט דאס גאנצע יאהר געהאלטען אין איין זיעגען, האט פארכאפט דעם רוהר, און געהאלטען אין איין שטיקען דייטשלאנד, און דאך איז איהר וואליוטע אין דעם יאהר צייט געפאלען אויף כמעט א העלפט פון דער ווערט — און דאס נאר אין איין יאהר צייט — א זאך וואס איז גאנץ קריטיש פאר פראנקרייך.

פראנקרייכ'ס האפנונגען אויפגעבויט צו ווערען פון דייטשלאנד'ס חורבות האבען זיך אויסגעלאזען מיט גאר ניט, און קיין רעפעראציאנס־געלדער באקומט זי אויך ניט, און צו ראטעווען איהרע פינאנסען טוט זי דאס וואס עס האבען געטאן דייטשלאנד און פוילען, זי דרוקט מאסענווייז פאפיר־געלט, און דאס פאראורזאכט נאך מעהר דאס פאלען פונ'ם פראנצויזישען פראנק.

פראנקרייך צאהלט פאר איהרע נקמה־געפיהלען און וועט עס מוזען פארזעצען צו צאהלען, סיידען די קומענדע פראנצויזישע וואהלען, וואס מען ערווארט אין חודש מאי, זאלען ארונטערשווענקען די פואנקארע'ס און די גאנצע רעאקציאנערע קליקע.

אנדערש וועט דאס פראנצויזישע פאלק מוזען צאהלען א טייערען פרייז, דעם זעלבען פרייז ווי עס צאהלט יעצט פוילען און דייטשלאנד, ווען מען הונגערט מיט די מיליאנען, און אויך פראנקרייך איז ניט אויסגעשלאסען פון אזא צושטאנד.

די נויט איז די בעסטע לעהרע, און עס וועט אפשר זיין די דאזיגע נויט, וואס וועט העלפען פראנקרייך צו באזינען זיך, און זיי וועלען איינזעהן די רעזולטאטען פון דער פאליטיק פון די פואנקארעס, וואס טרייבט פראנקרייך צום אפגרונד.

די אידען און די אנגלא זאקסען

פון פראפ. א. מ. קולישער

(ספעציעל דורך דער „אידישער טעלעגראפען אגענטור")

(2־טער ארטיקעל)

ניט נאר דער מאדערנער קאפיטאליזם איז אן ענגליש־אידישער פראדוקט, נאר אויך דער מאדערנער סאציאליזם. די היינטיגע ארבייטער באוועגונג מיט אלע איהרע פארמען פון ארגאניזאציע און מיט איהרע קאמף־מעטאדען, פראפעסיאנעלע פארבאנדען און קאאפעראטיווען, סטרייקען און באיקאטען — דאס אלץ זענען ענגלישע „ערפינדונגען". און אויך אין דעם פאל האט די ענגלישע עקאנאמישע און סאציאלע ענטוויקלונג געדיענט אלס יסוד פאר א וועלט באוועגונג, ווירקענדיג דורך דער סאציאלער פילאזאפיע און דעם סאציאלען אידעאל, וואס עס האבען באשאפען די אידען מארקס און לאסאל.

אזוי העלפען זיי איינער דעם צווייטען און גייען צו דעם זעלבען ציעל, די אידישע הענט זענען ריין פון בלוט. דער היסטארישער וועג פון ענגלאנד איז באגאסען מיט'ן בלוט פון זיינע באזיגטע שונאים. אלס א אינזעל מלוכה, וואס האט ניט קיין באדייטענדע לאנד ארמיי, האט ענגלאנד ניט קיין מעגליכקייט צו פארנעהמען טעריטאריעס אויף'ן אייראפעאישען קאנטינענט. זי איז אבער פאראינטערעסירט, אז קיין אנדער מלוכה זאל ניט פארכאפען די מאכט איבער אייראפא, וואס ס'וואלט געווען א סכנה פאר ענגלאנד גופא; ענגלאנד איז פאראינטערעסירט, אז עס זאלען באזייטיגט ווערען אלע מחלוקת וואס שטערען דער פרידליכער באציהונג און דעם האנדעל פון די פעלקער; דעריבער טרעט ענגלאנד תמיד ארויס אלס א בלוטיגער שונא פון אלע גרויסע מלוכות, וואס שטעלען פאר א סכנה פאר דער פרייהייט פון דער מענשהייט.

ענגלאנד האט געקעמפט געגען פיליפ דעם צווייטען פון שפאניען; געגען לודוויג דעם 14־טען פון פראנקרייך, געגען נאפאלעאנען און געגען ווילהעלם דעם צווייטען. ענגלאנד איז תמיד געווען אן דער שפיץ פון די פעלקער קאאליציעס, וואס האבען זיך געבילדעט כדי צו באקעמפען די דאזיגע אונטערדריקונג און איז געווען דער אומבאזיגבארער צענטער פון די קאאליציעס. א דאנק ענגלאנד האבען די נצחונות פון די שונאים קיינמאל ניט געבראכט צו קיין שום ענטגילטיגען רעזולטאט. די מלחמה איז געגאנגען ווייטער אהן א סוף ביז דער שונא איז ניט געפאלען, דערווארגען דורך דעם אייזערנעם רינג פון דער ים בלאקאדע און אויסגעמוטשעט דורכ'ן קאמף מיט אלץ נייע און נייע געגנערס, וועלכע זענען יעדעס מאל געשטיצט געווארען פונ'ם ים. נאך יעדען נצחון אבער האט ענגלאנד פארטיידיגט תמיד איהרע פריהערע געגנער און ניט געלאזט איהרע אמאליגע פארבינדעטע זיי זאלען זיך נוקם זיין אן דעם באזיגטען שונא.

אין דער העלפט פון 19־טען יאהרהונדערט איז ענגלאנד די ערשטע און די איינציגסטע גרויסע מלוכה, וואס איז איבערגעגאנגען צו דער פולשטענדיגער האנדעלס פרייהייט, ד. ה. זי האט זיך אפגעזאגט צו פארטיידיגען איהרע עקאנאמישע אינטערעסען דורך פאליטישע מיטלען. ענגלאנד ווערט כמעט אויסשליסליך א לאנד פון האנדעל און אינדוסטריע, וואס לעבט דער עיקר פון ברויט, וואס ווערט אריינגעבראכט פון אנדערע לענדער, און די עקאנאמישע ראלע פון ענגלאנד ווערט ענליך צו דער ראלע פון די אידען, דאס הייסט פון א פאלק פון הענדלער און פאבריקאנטען, וואס לעבט אויפ'ן חשבון פון די נוצען, וואס אנדערע פעלקער האבען פון זיי.

אלגעמיינער פרידען איז די ערשטע באדערפניש פון ענגלאנד. יעדע מלחמה, יעדע אונטערדריקונג, יעדע רואינירונג, וואו זיי זאלען ניט פארקומען, זענען שעדליך פאר די אינטערעסען פון ענגלאנד. זי דארף ניט האבען קיין „נצחונות" וועלכע רופען ארויס א האנדעלס קריזיס און ארבייטסלאזיגקייט. עס איז דעריבער קיין חדוש ניט, וואס גראדע אין ענגלאנד איז געבוירען געווארען דער מאדערנער פאסיפיזם און די אידעע פון דער פעלקער ליגע, וועלכע דארף מיט די פאראייניגטע כחות פון אלע פעלקער אויספיהרען די פונקציע, וועלכע ענגלאנד האט אליין געוואלט פרייוויליג אויף זיך נעהמען; דאס הייסט צו זיין „אן אינטערנאציאנאלער פאליציי אגענט". די דאזיגע אידעע האט פארענדיגט דעם זיעגרייכען וועג פון ענגלאנד, ווי ישעיה'ס נבואה באלייכטעט דעם מארטירער וועג פון דעם אידענטום. די וועגען באגעגענען זיך: דער וועג פון עהרליכען און געפייניגטען רעכט.

* * *

דער וועג איז שווער און זיי זענען ביידע שרעקליך מיעד. דער אלטער נביא וואס האט שוין אויסגעמאסטען אלע וועגען פון דער וועלט און דער אלטער העלד, וואס שטעהט אהן אויפהער אויף דער וואך ביי דעם טעמפעל פון דער קולטור. די „דאנקבארע מענשהייט" באציהט זיך צו זיי מיט די זעלבע געפיהלען. און נאך אלץ קומט אויס דעם אלטען לעהרער איבערצוחזרן די לעקציע מיט די בייזע תלמידים ביז זיי פארשיטען איהם ווידער מיט שטיינער. און ווידער און ווידער מוז דער אלטער העלד אנטון דעם פאנצער אויף די פלייצעס, נעהמען זיך פאר דער שווערד וואס איז שוין דורך און דורך פארזשאווערט פון בלוט און געהן באשיצען יעדען, ווער עס רופט נאך הילף, כדי די פעלקער וואס ער האט געראטעוועט זאלען אויפ'ן צווייטען טאג אליין אנהויבען צו שארפען זייערע מעסערס געגען איהם... און „אין טיפער, כמורער פארצווייפלונג ווערט מען מיעד גערעכט צו זיין", זאגט געטע. צום גליק האבען זיי בשותפות'דיגע תלמידים. מיר האבען שוין געזעהן, אז אמעריקא האט פארגעזעצט ענגלאנד'ס ארבייט: די פאליטישע באפרייאונג פון דער מענשהייט. גראדע דער „אידישער" דעמאקראטישער עלעמענט פון דער ענגלישער קולטור האט געזיגט אויפ'ן אמעריקאנעם בארען. און עס איז ניט קיין צופאל וואס דער אידישער האנדעל, וועלכער האט אין אמעריקא באקומען אזא ברייטע מעגליכקייט פאר זיין טעטיגקייט, ווי אין קיין שום אנדער לאנד, האט דארט געשפיעלט א באזונדער וויכטיגע ראלע אין דער ענטוויקלונג פון דער געזעלשאפט, ווי עס איז איצט וויסענשאפטליך באוויזען געווארען, און האט צוגעפאסט צום פיישען לאנד די גייסטע „שטאטישע" מעטאדען פון עקאנאמישער טעטיגקייט. דער „גאנצער אמעריקאניזם" זאגט זאמבארט, „איז ניט מעהר ווי קריסטאליזירטער אידישער גייסט".

די אנגלא סאקסען און די אידען צוזאמען האבען באשאפען די דאזיגע נייע וועלט, דעם גאנצען קאנטינענט, וועלכער ווערט געפיהרט לויט די פרינציפען פון שלום, פון רעכט און פון גלייכהייט, דעם „שמעריק־קעסעל" אין וועלכען מענשען, אנגעקומענע פון אלע עקען פון דער וועלט, ווערען איבערגעארבייט אויף א נייעם טיפ פון פריי־בירגער. אין נאמען טאקי פון די ענגלישע פרינציפען פון רעכט האט זיך די „טאכטער" אמעריקא זיינערצייט עמאנציפירט פון דער „מוטער" ענגלאנד. דער אייראפעאישער מיליטאריזם קאן צו איהר נאך וועניגער צוקומען און זי האט געהאט די מעגליכקייט זיך אפצוזאגען פון יעדער שייכות צו אייראפא. נאר ווען עס איז געקומען איהר ריי צו נעהמען אויף זיך דעם וועלט־דיענסט, האט זי ארויסגעטראטען צו קעמפען פאר דעם אידעאל, צו וועלכען ענגלאנד איז געקומען דורך אן ערפאהרונג פון הונדערטער יאהרען. איהר ערשטע גרויסע מלחמה איז געווען א קרייזצוג פאר'ן שלום פון דער וועלט. אמת, זעהענדיג דאס מאדנע בילד, ווי אייראפא קאן ניט מאכען א סוף צו די רייסערייען, ניט קוקענדיג אפילו אויף דעם הונגער און דער אנארכיע וואס דראהט איהר, האט אמעריקא זיך אפגעקעהרט און איבערגעלאזען ענגלאנד אליין פארצוזעצען די שווערע אומדאנקבארע ארבייט.

איצט האבען זיך די וועגען פון ביידע פעלקער טאקי ממש באגעגענט, בעת די ארבייט פון ענגלאנד אויף אריינצוברענגען א שלום אין דער וועלט, אויף צו „דערציהען" די בארבארישע לענדער, האט אנגעריהרט אויך די אלטע היים פון דעם אידישען פאלק, ערשט דאמאלט איז דער אידעאל. ווידער אויפצובויען די אידישע נאציאנאלע טעריטאריע פארוואנדעלט געווארען אין א פראקטישער אויפגאבע. און ניט קוקענדיג אויף אלע מיספארשטענדנישען און ענטוישונגען, וואלט געווען א וואונדער, ווען די צוויי פעלקער וואלטען אין דעם לעצטען מאמענט, ווען זיי פארענדיגען זייער געמיינזאמע ארבייט פון הונדערטער יאהרען, ווען זיי וואלטען זיך אין דעם מאמענט ניט פארשטאנען איינער דעם צווייטען. (איטא)

65 אידען אויפ'ן קאנגרעס פון די ראטען רעפובליקען

מאסקווע, (איטא).

ווי עס טיילט מיט די מאנדאט קאמיסיע זענען צום קאנגרעס פון די ראטען רעפובליקען געקומען 1143 דעלעגאטען מיט שטים רעכט.

לויט די נאציאנאליטעטען האבען זיך די דעלעגאטען פארטיילט: רוסישע: אוקראינער 35, ווייסרוסען 17, אידען 65, קאווקאזער 31, טורקמענער 31, לאטישע און עסטאנישע 46.

די אידען האבען באטראפען 5 פראצענט פון אלע דעלעגאטען.

די אידישע אינשטיטוציאנען וועגען טויט־שטראף

פון ש. וואהלגעלערנטער.

די פראגע צו טויט־שטראף, אלס העכסטע שטראף פאר א פארגאנגענעם פארברעכען, זאל ווערען אנגעהאלטען אין שטראף־קאדעקס, אדער זי זאל באזייטיגט ווערען, צוליעב דעם וואס זי איז ניט אין הסכם מיט'ן גייסט פון דער־צייט און די מאדערנע באגריפען פון דער מענשהייט, איז א פראבלעם וואס איז זעהר ערנסט באטראכט געווארען אין די געזעצגעבערישען קערפערשאפטען פון פארשידענע מלוכות און פארשידענע פעלקער.

אין אן אנגעזעהענע צאהל לענדער אויף אונזער ערד־קוגעל, איז שוין דער געזעץ פון טויט שטראף, לאנג אפגעשאפט און געהערט דארט צו די מעשים פון דער פארגאנגענהייט.

דאך זענען נאך דא פיעל לענדער, אין וועלכע די פראצעדור פון טויט־שטראף — טראצדעם וואס זי געהערט צו די גאר־אלטע געזעצען, אין די קאדעקס ביכער, אלס אן איבערבלייבעניש פון די אלטע צייטען וואס איז איבערגעגאנגען בירושה פון דור צו דור — איז געבליבען ביז'ן היינטיגען טאג א „הייליגטום" צו וועלכען מען דארף זיך באציהען מיט א געוויסער מאס יראת־הכבוד... און מען טאר עס ניט רעפארמירען.

איינע פון די לענדער איז, צו אונזער גרויסען וואונדער, אויך ענגלאנד, וועלכע טראגט איהר מאדערניזם און גערעכטיגקייטס־פרינציפען האט נאך אלץ נישט באוויזען, אפצוטרייסלען זיך פון דעם שווידערליך גרויזאמען געזעץ.

לעצטענס אבער, איז אויך אינ'ם ענגלישען פארלאמענט אריינגעטראגען געווארען א פראיעקט אפצושאפען טויט־שטראף פאר מערדער.

דער עדיטאריעל שרייבער אינ'ם „אידישען זשורנאל" פונ'ם פארגאנגענעם זונטאג, איז גערעכט מיט זיינע באמערקונגען: „אז וואהרשיינליך, וועט דער פראיעקט פון אפשאפען טויט שטראף באגעגענען א שטארקע אפאזיציע מצד די איינגעפונדעוועטע פארלאמענטאריער, וועלכע קוקען אויף אזעלכע רעפארמען זעהר קרום".

אמת איז אויך די ווייטערדיגע באמערקונג פונ'ם זעלבען שרייבער אז „טויט־שטראף איז א בארבארישער מיטעל און ער טאר ניט אנגעווענדעט ווערען אויף א מענשען אהן דער דרינגענדסטער נויטווענדיגקייט. אויב מען העננט א מענשען פאר די אויגען פון דער זון און מען גיט זיך דערביי אפילו ניט א קרים, האט עס א דעמאראליזירענדע ווירקונג אויף דער געזעלשאפט."

וואס קומט אבער ארויס, אז אומעטום געפינען זיך אזעלכע עלעמענטען, ביי וועלכע דאס לעבען פון א מענשען איז גארנישט ווערט און שטענדיג, ווען עס ווערט באטראכט די פראגע וועגען אפשאפען דעם טויט־שטראף געזעץ, קומען זיי מיט זייערע נארישע און לעבערליכע טענות אז די צייט איז נאך ניט רייף פאר אזא רעפארם.

עס איז דעריבער העכסט אינטערעסאנט, פאר אונז אידען, זיך צו באקענען מיט דער אידישער אויפפאסונג וועגען דעם זעלבען פראבלעם, וואס איז לעצטענס ארויסגעזאגט געווארען פון איינעם פון אונזערע גרעסטע אויטאריטעטען אין דער היינטיגער צייט, פון א רב א גאון בתורה, א העכסט געבילדעטער וויסענשאפט'ס מענש, וועלכער איז גלייכצייטיג אויך איינער פון די אידישע פארלאמענטאריער אין אייראפא.

פארגעקומען איז דאס אינ'ם פוילישען סיים (פארלאמענט), ווען עס האט זיך געהאנדעלט, וועגען דעם פארשלאג פון א אידישען דעפוטאט, אין דער מיליטערישער קאמיסיע, אז מען זאל אין דעם געזעץ־סטאטוט פון מיליטער דיענסט אויסמעקען דעם פונקט פון טויט־שטראף פאר דעזערטירונג, און עס רעפארמירען אויף לעבענסלענגליכע געפענגעניש.

די פראגע איז באהאנדעלט געווארען פארן פלענום פון סיים פרייטאג דעם 8־טען פעברואר ד. י.

כדי דעם פארשלאג צו פארטיידיגען האט גערעדט דער אידישער דעפוטאט הרב לעווין פון סאמביר, וועלכער איז דער פארשטעהער פון דער פוילישער ארטאדאקסישער ארגאניזאציע 'אגודת ישראל' אינ'ם פארלאמענט.

צווישען אנדערעס האט ער געזאגט פאלגענדעס:

„מיינע הערען! מען דארף מודה זיין, אז ביי דעם פאל פון פארברעכען, וואס דער פראיעקט רעכענט אויס, בפרט אויב זיי ווערען באגאנגען אין דער צייט פון קריעג, אין א צייט וואס איז א סכנה פאר דער מלוכה, זענען שרעקליך, מיאוס און פארדיענען אהן ספק די גרעסטע שטראף. ניט קוקענדיג דערויף, מוז איך זאגען, אז דאס אנווענדען טויט־שטראף, דאס איינפיהרען זי אין פראיעקט, האלט איך פאר ניט ענטשפרעכענדע, אונגעהעריגע און — איך וועל זאגען נאכמעהר — פאר אזעלכען וואס זענען אין סתירה מיט'ן וועזען פון דער שטראף און איהר באשטימונג!"

„דאס ציעל און די באשטימונג פון דער שטראף, וועלכע מען גיט א פארברעכער, קאן זיין איינס פון די דריי: אדער צו ווירקען פארבעסעריש און ערציהעריש אויפ'ן פארברעכער, אדער צו מאכען איהם אונשעדליך און איהם צונעהמען די מעגליכקייט צו טאן ווייטערדיגע פארברעכענס; אדער ענדליך צו ווירקען אפשרעקענד אויף אנדערע און צו פארהיטען דאס ווידערהאלען זיך, אדער דאס נאכטהון עהנליכע פארברעכענס. אז דאס ערשטע ציעל, דאס פארבעסערען דעם פארברעכער גופא, דורך טויט־שטראף, ווערט ניט דערגרייכט — וועגען דעם איז, דאכט זיך, איבעריג צו רעדען. בנוגע די אנדערע צוויי ציעלען, צו קאנען זיי ניט אויך דערגרייכט ווערען דורך אן אנדערע שטראף, ווי לאנג־יעהריגע, אדער לעבענסלענגליכע געפענגעניש, וואס האט נאך די מעלה — אין געגענזאץ צו טויט שטראף, אז זי מאכט מעגליך דאס אויסבעסערען די טעותים און געריכטס פעהלערען; שטעלט אייך פאר, די גאנצע שרעקליכע צייט פון דער לאגע, ווען נאך'ן אויספיהרען א טויט אורטייל ווייזט זיך ארויס — און אזעלכע פאלען טרעפען זיך ניט זעלטען, צוליעב די טעותים, וועלכע עס איז אונטערגעווארפען דאס מענשליכע דענקען, אז דער פארמשפט'ער איז געווען אונשולדיג! איבעריגענס דערמאהנט די טויט־שטראף לויט איהר וועזען אינגאנצען דאס פארצייטישע נקמה רעכט „יוס טאליאניס" און די מיט איהם פאראייניגטע שטראף „פאענא טאליאניס" און פאר אזא רעכט, וואס איז סותר אלע באגריפען פון עטיק, קאן ניט זיין קיין ארט אין דער מאדערנער געזעצגעבונג!"

„טאקע דערפאר ווייל די טויט־שטראף ווערט באטראכט מיט רעכט פאר אן איבערבלייבעניש פון פארעלטערטע און איבערגעלעבטע רעכטליכע באגריפען וועלכע קאנען ניט זיין אין הסכם מיט'ן גייסט פון דער צייט און פון דער הומאניטעט, און איז אין פארשיעדענע מלוכות שוין אפגעשאפט געווארען. אלס ביישפיעל וועל איך דערמאהנען אז אין רומעניען איז זי אפגעשאפט געווארען נאך אין יאהר 1864, אין פארטוגאל אין יאהר 1867, אין האלאנד אין יאהר 1870 און אין איטאליען אין יאהר 1889. זי איז אויך נישטא אין דער נארוועגישער שטראף־געזעצגעבונג, וואס איז פארעפענטליכט געווארען אין 1895, און אויך ניט אין דער שווייצארישער אין יאהר 1896. צו זאל אלזא פוילען ווען זי באשטימט איהרע געזעצען געהען אויף אן אנדערען וועג, ווי עס ווייזען אן דער גייסט פון ציוויליזאציע און הומאניטעט? צו זאל זיך אין דער פוילישער געזעצגעבונג געפינען דאס, וואס די אנדערע פעלקער האבען אנערקענט ביי זיך פאר אונווירדיג און פאר ניט ענטשפרעכענד צום גייסט פון דער צייט.

„דעריבער האט ריכטיג געהאנדעלט דער פארטרעטער פון דער אידישער „קאלא" אין דער מיליטערישער קאמיסיע, ווען ער איז ארויסגעטרעטען געגען אריינגעהמען די טויט שטראף אין מיליטערישען סטאטוט און האט געפאדערט זי אויסצושטרייכען אדער זי צו פארטרעטען מיט דער שטראף פון לעבענסלענגליכע געפענגנים.

„איך וועל מיר ערלויבען — האט הרב לעווין ווייטער געזאגט — ביי דער דאזיגער געלעגענהייט צו באריהרען נאך א מאמענט, א געוויס אינטערעסאנטען, פונ'ם קאמף געגען טויט־שטראף דאטירט פון דער צווייטער העלפט פון 18־טען יאהרהונדערט. דאמאלס האט עס דער איטאליענישער ליטעראט־פילאנטראפ בעקאריא פארעפענטליכט אן ארבייט, אין וועלכער ער ווענדעט זיך אין שארפע ווערטער געגען באנוצען טארטורען אין געריכט'ס־ווערען, און בפרט טרעט ער ארויס געגען טויט־שטראף, אלס אן אונמענשליכע און בארבארישע".

„אבער א וואונדערליכע זאך, אז די דאזיגע טעאריע, וועלכע דער ניט אידישער געלעהרטער פרעדיגט אין 18־טען יאהרהונדערט, געפינען מיר שוין מיט פופצעהן הונדערט יאהר פאר איהם! מיר געפינען זי אין תלמוד, אין דעם דאזיגען אור־אלטען ספר, וואס געווען און איז נאך לוידער כסדר אן אביעקט פון געמיינע און מיאוסע אנפאלען און רכילות פון מענשען וואס קאנען איהם לחלוטין ניט אדער קאנען איהם פון אונווירדיגע קוועלען. אין תלמוד האבען 2 אנגעזעהענע אידישע געלעהרטע, רבי טרפון און רבי עקיבא — דער לעצטער איז באוואוסט אלס נאציאנאלער העלד פון דער פרייהייטס־באוועגונג אין דער צייט פון רוימישען קייזער האדריאן — ארויסגעטרעטען מיט דער גאנצער ענערגיע געגען טויט־שטראף און געזאגט, אז אויב זיי וואלטען געווען מיטגלידער פונ'ם העכסטען טריבונאל (סנהדרין) וואלטען זיי קיינמאל ניט דערלאזט אויספיהרען א טויט־אורטייל. דער תלמוד גיט דאביי צו, אז דאס געריכט וואס גיט ארויס איינמאל אין 7 יאהר, און לויט אן אנדער מיינונג, אויף 70 יאהר א טויט־אורטייל, פארדיענט דעם נאמען פון א מערדעריש־געריכט, דאס איז א באוויז אויף וואסער הויכער עטישער ניווא די דאזיגע מענשען זענען געשטאנען דאמאלס.

„ענדיגענדיג מיינע אויספיהרונגען, האט דער געעהרטער דעפוטאט הרב לעווין פארענדיגט זיין רעדע — ערקלעהר איך אז מיר אונטערשטיצען דעם פארשלאג, וועגען אויסשטרייכען דעם פונקט פון טויט־שטראף און זי צו פארטרעטען מיט לעבענסלענגליכער תפיסה, און וועלפאר דעם פארשלאג שטימען צוזאמען מיט אלע אנהענגער פון דעמאקראטיע און הומאניטעט".

די רעדע פון הרב לעווין איז אויפגענומען געווארען מיט גרויס באגייסטערונג פון די פארלאמענט מיטגליעדער, אבער צו אונזער גרויסען באדויער איז, צוליעב דעם אנטיסעמיטיזם וועלכע הערשט אין פוילען, דער פארשלאג פון דעפוטאט הרב לעווין, פונקט ווי אלע אידישע פארשלאגען דורכגעפאלען. א דאנק די שטימען פון דער רעאקציאנערער און קאנסערוואטיווער ריכטונג אינ'ם פוילישען פארלאמענט, וועלכע רופט זיך די נאראדאוויע דעמאקראטיע. —

מיר אידען, האבען פיעל קרבנות צו פארצייכענען, אין צוזאמענהאנג מיט'ן געזעץ פון טויט־שטראף, פיעל, זעהר פיעל קדושים, מלחמה מארטירער זענען אומגעקומען אומזיסט, און עס האט זיך דערנאך ארויסגעוויזען זייער אומשולד.

עס איז כדאי צו באמערקען אז דעם פאלאצקער רבי'ן הרב שאפירא ז"ל וועלכען די פאליאקען האבען געשאסען אלס שפיאן, וואלט דער פראצעס זיכער רעהאביליטירט, ווען ער וואלט נאך געווען צווישען די לעבעדיגע.

כאראקטעריסטיש איז דער פאקט, אז אין שבת דעם 9־טען יולי, א טאג נאכדעם ווי דעפוטאט הרב לעווין האט געהאלטען זיין רעדע אין סיים — איז אין ווארשא פארגעקומען א רעאביליטאציאנס פראצעס פון צוויי אידישע זעלנער וועלכע זענען לויט דער אנווייזונג פון אפיציער אז זיי האבען זיך באטייליגט אין רויב דערשאסען געווארען אין ביאלי־

דער פראצעס וואס איז פארגעקומען סטאק דעם 21־טען פעברואר 1921. שבת דעם צעהנטען פעברואר 1924, האט ארויסגעפונען אז זיי האבען זיך ניט באטייליגט אינ'ם רויב און דער אורטייל פונ'ם פעלד געריכט איז אנערקענט געווארען פאר ניט ריכטיג...

צוויי יונגע לעבענס זענען דעריבער אומשולדיג אויסגעלאשען געווארען צוליעב דעם אכזריות'דיגען טויט שטראף געזעץ.

מיר האבען נאך א גאנץ רייכע בלוט־פארביגע, כראניק פון נאך אזעלכע קדושים און מארטירער, וועלכע זענען אומשולדיג געפאלען אלס קרבן פון דעם געזעץ.

עס איז דעריבער איבעריג צו באטאנען אז די אידען פונ'ם ענגלישען פארלאמענט, דארפען קעמפען פאר רעפארמירען דעם טויט שטראף געזעץ.

זאלען מיר האפען, אז ענדליך, וועט די גאנצע וועלט איינזעהן די ריכטיגקייט פון דער אידישער אויפפאסונג און וועט זיך מיט עקעל אפטרייסלען פון די שוידערליכע געזעצען וואס שטאמען נאך פון די אלטע צייטען און פארדארבען אומשולדיגע מענשליכע לעבענס.

פרוי איבערגעפאהרען

מרס. אקערמאן פון 52 סט. אלבאנס סטריט איז שבת איבערגעפאהרען געווארען, פון אן אויטאמאביל. דער דרייווער איז ארעסטירט געווארען.

ראזדייל קאזארמעס אפגעברענט

די ראזדייל באראקס אין נארט ראזדייל, וואס זענען באנוצט געווארען פון אפיצערען, זענען נעכטען פארניכטעט געווארען אין א פייער.

א פארזאמלונג פון וואלונטירען היינט אווענט

דער מיטגלידער־קאמפיין פון פאלקס פאראיין האט זיך נעכטען אנגעהויבען מיט גרויס באגייסטערונג. פיעלע אידישע הייזער זענען באזוכט געווארען און א סך נייע מיטגלידער זענען געשאפען געווארען.

היינט אווענט וועט אין פאלקס פאראיין אפיס פארקומען א פארזאמלונג פון די וואלונטירען.



מאנישעוויטץ איער לאקשען
אזוי גוט ווי די וועלט־באריהמטע
מאנישעוויטץ'ן מצה
אין אלע גראסעריס
מאנישעוויטץ לאקשען

צו זענען אמעריקאנער סטודענטקעס צולאזען?

פון א. טשערניגאווה.

מיט א קורצער צייט צוריק איז דער פרעזידענט פון ראנאק קאלעדזש א לעהר־אנשטאלט פאר פרויען אין ווירדזשיניא, דר. טשא. סמיטה ארויסגעקומען מיט א סענזאציאנעלער ערקלעהרונג, וואס האט א ביסעל אויפגערודערט די "פוריטאנער" פון לאנד. דער דאזיגער געהויבענער דאקטאר האט נעמליך ערקלעהרט, אז דער יונגער דור פרויען טויג ניט, אז דאס נייע מיידעל, דאס מיידעל וואס לערנט אין אוניווערסיטעטען און איז געבילדעט, איז שטארק צולאזען, כמעט אויסגעלאזען. זי רויכערט פאפיראסען, זי פארבט איהרע באקען, זי שיכורט זאגאר און איהרע אויפפיהרונגען מיט די יונגע לייט זענען אויך ניט אזעלכע וואס מען קען דאס אנרופען בשר'ע.

דר. סמיטה האט זיין רעדע געהאלטען אויף א פארזאמלונג פון לוטעראנישע גלחים אין ניו יארק און עס איז איבעריג צו זאגען אז אלע צייטונגען האבען זיין ערקלעהרונג אויפגעכאפט און אלע פרומע און גאטספארכטיגע און היפאקריטישע אלטע מוידען פון ביידע געשלעכטער האבען אויפגעהויבען א גוואלד. דאס מיינט דאך אז די גאנצע וועלט געהט אונטער. דאס מיינט דאך אז די זינד ווערען אזוי גרויס אז זיי שרייען אין הימעל אריין און עס וועט באלד ווערען ווי סדום און עמורה.

אפנים אז דר. סמיטה האט זיך געכאפט אז ער האט אביסעל איבערגעכאפט די מאס, א ביסעל איבערגעזאלצען. ווארום נאכדעם ווי דער טומעל איז געווארען שוין צו גרויס, איז ער ארויסגעקומען מיט א צווייטער ערקלעהרונג אז מען האט איהם שלעכט פארשטאנען אדער שלעכט ציטירט. ער האט ניט געזאגט דוקא וועגען די קאלעדזש מיידלאך, נאר וועגען אלע מיידלאך. אלע היינטיגע מיידלאך זענען זעהר צולאזען, זענען אזעלכע אז עס פלאמט דער פנים פון זייער אויפפיהרען זיך.

איז דאס טאקע אזוי? זענען טאקי די אמעריקאנער סטודענטקעס אזוי שווארץ ווי דער דאקטאר האט זיי געמאלען, אדער ווי אנדערע האבען זיי געמאלען אין זיין נאמען און אויב עס איז אן אמת, אז עס איז אזוי, איז דא עפעס אזוינס אין די אמעריקאנער הויכע לעהר־אנשטאלטען וואס פיהרען דערצו אז די מיידלאך זאלען ווערען צולאזען, אז זיי זאלען זיך דארטען אויסלערנען שלעכטע מידות?

כמעט אלע קאלעדזשעס וואו עס לערנען מיידלאך האבען זיך אפגערופען אויף דער פראגע, כמעט אלע פארוואלטער און לעהרער פון די העהר אנשטאלטען פאר פרויען אין אמעריקא האבען געשריבען אדער ארויסגעגעבען ערקלעהרונגען וועגען אט דיעזער באשולדיגונג. און אלע זיי, אלע אהן אויסנאהם, לייקענען ענטשיידען די באהויפטונג פון דר. סמיטה. פארקעהרט די מייסטע באווייזען מיט פאקטען אז גראדע די יעניגע מיידלאך וואס באזוכען די העכערע לעהר שולען שטעהען מאראליש העכער איידער די וואס שטודירען ניט.

וואסאר קאלעדזש איז איינער פון די עלטסטע לעהר אנשטאלטען פאר פרויען אין לאנד. פיעלע פראפעסארען דארט געדענקען נאך גאנץ גוט די אמאליגע סטודענטקעס, אט די יענע נאך וועלכע עס בענקען אזוי שטארק די פרומע פוריטאנער, וועלכע זיינען געווען אזוי כשר, און פרום, און צנועה'דיג און וועלכע זענען אין פרט פון באלעבאטישען אויפפיהרען געווען העכער פון די היינטיגע מיידלאך. מיט איין ווארט יענע וואס האבען ניט גערויכערט, ניט געטרונקען שטאפס, ניט ארומגעגאנגען מיט בחורים און ניט געפארבט די פנים'ער.

און זיי אלע זאגען אין איין קול אז די מעשה איז גאר פונקט פארקעהרט. די היינטיגע סטודענטקע שטעהט ניט אין דעם ערך העכער פון דער אמאליגער. ניט נאר העכער אין בילדונג, נאר טאקע אויך אין אויפפיהרען זיך.

די אמאליגע סטודענטקע, זאגען זיי, די סטודענטקע פון מיט א פאר צעהנדליג יאהר צוריק, איז געווען מייסטענס פון דעם זעהר רייכען קלאס, פון דער אמת'ער אריסטאקראטיע. יענע רייכע טעכטער האבען אפשר געהאט שעהנערע מאניערען. האבען אודאי געוואוסט ווי אזוי צו באהאלטען פון דעם זייטיגען אויג זייערע טאטען, אבער זיי זענען ווייט ניט געווען אנשטענדיגער, אודאי ניט צנועה'דיגער. זיי זענען בלויז געווען מעהר צבועה'קיש, זיי האבען זיך געקענט בעסער פארשטעלען.

די היינטיגע סטודענטקע קומט פון אלע קלאסען. פאראן צווישען זיי זעהר א סך ארימע קינדער, אזעלכע וואס קומען אין אוניווערסיטעט ניט צו זוכען א חתן, ניט צו אויסלערנען זיך מאניערען כדי צו קענען דערנאך פאצאפען א גוטען חתן, נאר פשוט אין פראסט צו לערנען א פראפעסיע וואס זאל זיי מאכען זעלבסטשטענדיג. די היינטיגע סטודענטקע, זאגען די פראפעסארען איז שוין מיט דעם אליין א סך א העכער'ער סארט מענש און פארגלייך מיט דער אמאליגער, וואס זי איז א זעלבסטשטענדיגער מענש, וואס זי שטרעבט צו ווערען אומאפהענגיג, וואס זי דארף ניט כסדר האבען אין זינען צו געפעהלען ווערען א באשערטען ווארום זי קען גאנץ גוט באשטעהן איהר אייגען וועלט.

עס איז אמת אז פיעלע פון די סטודענטקעס פודרען זיך און פארבען זיך. עס איז אודאי אמת, אז זיי געהען ארויס מיט יונגע לייט און פארברענגען. עס איז אויך אמת, אז געוויסע מיידלאך פון די סטודענטקעס טרינקען אמאל. עס איז אויך אמת אז עס זיינען דא צווישען די סטודענטקעס אזעלכע וואס רויכערען.

אבער אלעמאל און צו אלע צייטען זענען געווען אזעלכע מיידלאך און די איצטיגע סטודענטקע איז אין דעם פרט ניט אנדערש פון דער אמאליגער. מעהר ניט די אמאליגע האבען זיך באהאלטען. די אמאליגע האבען דאס אלץ געטאן אין די אזוי גערופענע רייכע קלובען, אין דער אזוי גערופענער אריסטאקראטישער געזעלשאפט, און די היינטיגע טוט דאס אבער גאר ניט געדרונגען אז די היינטיגע דארטען וואו מען זעהט. פון דעם איז סטודענטקע שטעהט מאראליש נידעריגער פון דער אמאליגער. פארקעהרט, זי איז זיכער פיעל העכער מאראליש, איהר פעהלט מינדעסטענס יענער גרויסער חסרון פון דער אמאליגער און דאס איז די היפאקריטיסטטווא.

אונגעפעהר אזוי האבען געזאגט און באשטעטיגט די אייפזעהער און די פראפעסארען פון די אנדערע לעהר אנשטאלטען פאר פרויען.

אבער די גרעסטע לויב געזאנגען פאר דער נייער סטודענטקע הערט מען פון די לעהרער פון די יעניגע אוניווערסיטעטען וואו פרויען לערנען צוזאמען מיט מענער, פון יענע לעהר אנשטאלטען וואו עס הערשט די אזוי גערופענע "קאעדיוקיישאן", דאס צוזאמענלערנען.

געוועהנליך שרייען די פרומאקעס געגען דעם אז מיידלאך און יונגע לייט זאלען לערנען צוזאמען. דאס פיהרט צו אומאראליטעט — טענה'ן זיי. אבער די פראקטיק האט געוויזען פונקט דאס פארקעהרטע. אויב עס קומט עפעס פאר אין די דאזיגע אוניווערסיטעטען איז א געזונטע און נויטיגע קאנקורענץ צווישען די געשלעכטער. פיעלע פראפעסארען באהויפטען אז זינט מען האט אנגעפאנגען צוצולאזען פרויען צוזאמען מיט מענער אין די קלאסען האבען זיך די מענערשע סטודענטען גענומען באציהען א סך ערנסטער צו די עצם למודים.

און דאס איז אויך פארשטענדליך. די יונגע לייטליך אין די אוניווערסיטעטען באזונדערס די רייכע בנ'אקעס, גיבען זיך אפ א סך מעהר מיט די פארשיעדענע ספארטען איידער מיט לערנען. די מיידלאך ווידער מישען זיך אין די מענערשע ספארטען ניט, לערנען זיי. לערנען מיט התמדה, ערנסט, מיט א גלייסען באגעהר צו קענען. און דאס שטויסט די בחורימלאך צו נעהמען זיך פאר דאס לערנען. עס שטעהט זיי ניט אן וואס מיידלאך קריגען בעסערע אויסצייכנונגען, וואס די מיידלאך לערנען זיך בעסער און זיי גארטלען זיך אונטער און לערנען אויך. און אזוי קומט אויס, אז גראדע דערפאר וואס מען לאזט צו פרויען אין די אזוי גערופענע מענערשע אוניווערזיטעטען דערהויבט מען די מדרגה, דעם סטאנדארד, פון דעם גאנצען אוניווערסיטעט. די פראפעסארען באהויפטען גאנץ ערנסט אז מען לערנט זיך איצט פיעל בעסער אין די אוניווערסיטעטען איידער אמאל און א גרויסען חלק קרעדיט אין דעם פארדינען די פרויען סטודענטען.

די לעצטע יאהרען האבען די אוניווערסיטעטען גענומען באזוכען אזעלכע יונגע מיידלאך, וואס פריהער וואלט מען גאר ניט געקלעהרט זיי צו שיקען אין די הויכע לעהר אנשטאלטען. מיידלאך פון ניט איבעריגס פארמעגליכע עלטערען, מיידלאך זאגאר פון ארימע עלטערען, און דיעזע זענען געוועהנליך ווייט פון ספארטען. דיעזע לערנען זיך ווייל עס געהט זיי אין לעבען, ווייל זיי זוכען א פראפעסיע דארטען.

עס איז פאראן אן עקאנאמישע ערקלעהרונג פאר דעם וואס גראדע ארימע מיידלאך האבען זיך איצט גענומען צום שטודירען מעהר ווי אמאל. די פארדינסטען פון א מיידעל היינט זענען ניט איבעריגס קיין גרויסע. די אזוי גערופענע בייע פראפעסיעס טראגען אריין זעהר ווענינ. א טייפרייטערין, א סטענאגראפיסטקע פארדיענט איצט זעהר ניט פיעל. אויב די פאמיליע איז ניט זעהר ארים, אויב מען קען דארטען אויסקומען א פאר יאהר אהן די פארדיענסטען פון דער טאכטער, סטארעט זיך די פאמיליע צו געבען דער טאכטער א בעסערע ערציהונג א העכערע, אזא וואס זאל איהר פארזיכערען א גוטע צוקונפט. דערצו האבען די נייע מיידלאך אויפגעהערט צו קוקען אויף זיך ווי אויף קאנדידאטקעס אויף ווייבער. זיי ווילען האבען א פרייען אויסוואהל, זיי ווילען זיך געפינען אין א לאגע ווען זיי זאלען ניט מוזען אריינווארפען זיך אין די ארימס פון ערשטען מאן, ווייל מען מוז דאך זיין פארזיכערט מיט א לעבען. זיי ווילען, מיט איין ווארט, זיין זעלבסטשטענדיג. און אזעלכע מוזען זיך אפגעבען ערנסט מיט זייער לערנען און קענען ניט זיין דאס וואס דר. סמיטה זאגט אז זיי זענען.

דאס נייע מיידעל איז זיכער ניט אזוי פארשטעלט ווי איהר אמאליגע שוועסטער, ווי איהר מאמע אדער באבע. זי האלט זיך פרייער, זי לעבט אפנהערציגער. אבער זי איז פאר קיין פאל ניט פארשייטער ווי די אמאליגע, ווי דאס ווילען איינרעדען די פרומאקעס. דאס נייע מיידעל וועט אפשר ניט ווערען אזא נעהארכזאמע פרוי, ווי דאס ווילען פיעלע אפגעשטאנענע מענער און ווי עס פאדערען די פרומאקעס. אבער זי שטעהט מאראליש פיעל העכער פון דער אמאליגער. שוין מיט דעם אליין וואס זי איז פיעל זעלבסטשטענדיגער, וואס זי איז ניט גענויט צו פארקויפען זיך אלס ווייב.

מאנישעוויטץ־מצה
די מצה מיט אלע מעלות

צווישען די טעאטערע

שווארצער חזן וועט זינגען לכבוד איזידאר פרידמאנ'ס עהרען־אווענט

דער בארימטער שווארצער חזן, ר' טוביה'לע, וועלכער האט זיך אזוי שטארק אויסגעצייכענט מיט זיינע ארויסטרעטונגען אויף דער אמעריקאנער אידישער ביהנע, וועט ספעציעל קומען אין טאראנטא און וועט אויפטרעטען אין די שענסטע שטיקער לכבוד דעם עהרען־אווענט פון דעם אידישען שוישפילער ה' איזידאר פרידמאן.

דער עהרען אווענט פון ה' פרידמאן וועט פארקומען היינטיגען דינסטאג אין סטענדערד טעאטער. עס וועט אויפגעפיהרט ווערען א שעהנע און העכסט־רעאליסטישע פיעסע מיט דעם נאמען „שונאים". די פיעסע איז געשפיעלט געווארען אין ניו יארק און האט ארויסגערופען גרויס פיראר צווישען די ליעבהאבער פון דער אידישער ביהנע. דאס איז א פיעסע מיט א זעלטענעם אינהאלט, און ה' פרידמאן שפיעלט די טיטעל־ראליע.

ה' פרידמאן האט ביי אונז אין שטאדט געשפיעלט פארשיידענע כאראקטער־ראלען. ער איז אן ערנסטער שוישפיעלער, און ער ווייסט ווי אזוי צו ארויסברענגען רעאליסטישע ראליען. מיט דער גרעסטער פלייסיגקייט שטודירט ה' פרידמאן זיינע ראליען, און וואו ער שפיעלט געווינט ער מאסען אנהייננגער. זיין נאהענטע מיטווירקונג מיט די גרעסטע אידישע שוישפיעלער האבען איהם געגעבען די מעגליכקייט צו אויסגעפינען דעם סוד פון עכטען שפיעלען, און ער איז זיכער ווערט, אז זיין עהרען אווענט זאל באזוכט ווערען פון א גרויסען עולם.

דער שווארצער חזן איז ה' פרידמאנ'ס א פערזענליכער פריינד פון יאהרען, און ער קומט ספעציעל אין טאראנטא צו באטייליגען זיך אין ה' פרידמאנ'ס עהרען אווענט. ער וועט צוגעבען דעם אווענט אריגינאליטעט. דאס וועט יעדער איינער קאנען פיהלען אין צייט פון דער פארשטעלונג, היינטיגען דינסטאג אין סטענדערד טעאטער.

רוסישע טרופע אין שעי'ס

היינטיגע וואך וועט אין היזען טעאטער אויפטרעטען א רוסישע טרופע, וועלכע באשטעהט פון רוסישע מוזיקער, טענצער און זינגער. די הויפט ארטיסטקע פון דער טרופע איז די בארימטע רוסישע טענצערין ווילאסטא מאסלאווא. זי וועט טאנצען זעלטענע רוסישע טענץ, וועלכע זענען נאך אין טאראנטא ניט געטאנצט געווארען.

די אנדערע טיילען פונ'ם פראגראם צייכענען זיך אויס מיט אריגינאליטעט, אזוי אז יעדער איינער וועט אנטציקט ווערען סיי פון דער אויסשטאטונג און סיי פון דער דורכפיהרונג.

אויסער די אלע זיבען גליקען וועט אויך געוויזען ווערען די וועכענטליכע סעריע נייעסע איפ'ן לייווענט. שעי'ס איז באקאנט אלס ערטעל פון נייע נייעסען, אזן היינטיגע וואך וועט קיין אויסנאהם ניט זיין.

„איפערזיכטיגע מענער" אין פענטיידזשעס

די פיטשור פון דער היינטיגער וואך איז „איפערזיכטיגע מענער" און יעדער באזוכער וועט מודה זיין, אז דאס איז איינע פון די מערקווירדיגסטע בילדער פון היינטיגען סעזאן. יעדע סצענקע איז פול מיט לעבען און נייקייט. אזא פיטשור וועט מען שוין ניט אזוי גיך קאנען זעהן, און יעדער איינער וואס וועט עס אליין זעהן, וועט זיכער רעקאמענדירען זיינע פריינד צו נאכפאלגען זיין ביישפיעל.

די וואדעוויל־אפטיילונג אנטהאלט שעהנע און קיצעלדיגע נומערען. אזוי וועט אויפגעפיהרט ווערען א שוישפיעלכעל מיט'ן נאמען „ליעבעס פאבלען" און א נומער „ווען דער זייגער קלינגט". עס וועט אויך דורכגעפיהרט ווערען א שפאסהאפטיגער אקט מיט'ן נאמען „איך האב עס ליעב".

שעהנע קאמעדיע אין לאו'ס

א שעהנע קאמעדיע מיט'ן נאמען „דהי פיק און איי פעמילי" וועט געוויזען ווערען די גאנצע וואך אין לאו'ס טעאטער. אין דער הויפט־ראליע וועט אויפטרעטען דער בארימטער קאמיקער וואלטער מילער. ניט אלע ווייסען דעם נאמען. אלע האבען אבער געזעהן זיין בילד אין די „מואווים". ער וועט היינטיגע וואך ארויסטרעטען פערזענליך פאר'ן עולם און וועט דעמאנסטרירען, אז ער איז ניט נאר א גוטער „סקרין"־אקטיאר, נאר אז ער איז אויך א גוטער אקטיאר פאר דער לעבעדיגער ביהנע.

דער בארימטער כאראקטער־שוישפיעלער פרענק טערי וועט אויפטרעטען אין פארשיידענע כאראקטער־ראליען און ער וועט פערזאניפיצירען פארשיידענע מענשען, אזוי אז דער עולם וועט האבען גענוג שפאס אויף א גאנצער וואך.

צוויי שעהנהייטען אין עמפייער

די צוויי בארימטע שעהנהייטען, די צוויי ארטיסטקעס העלען און עגנעס הערינגטאן, וועלען די גאנצע וואך אויפטרעטען אין דיזען טעאטער אין „דזשיג טיים". דאס איז א שפאסהאפטיגע זאך, פון וועלכער דער עולם וועט פשוט אנקוועלען. דאס איז א געמיש פון כל טוב, פון געזאנג, טענץ, מוזיק און פארווייילונג.

די דעקאראטיווע עפעקטען זענען נאר אזוינס אין אזעלכס. די פראדוקציע איז ספעציעל באשאפען געווארען, כדי צו האלטען דעם עולם געשפאנט די גאנצע צייט פון דער פארשטעלונג. דער צוועק איז פולקאם דערגרייכט געווארען, און דער עולם וועט עס קאנען אליין זעהן און הערען די גאנצע וואך אין עמפייער טעאטער.

DODD'S
KIDNEY
PILLS
FOR ALL KIDNEY DISEASES
RHEUMATISM
BRIGHT'S DISEASE
BACKACHE
DIABETES
NUMBER 4087
THE PROPRIETAR

דאד'ס קידני פילס זענען בלויז א נירען רפואה. זיי העלפען רומאטיזם, לאמבייגא, ברייט'ס קראנקהייט, דייאבעטיז, רוקען שמערצען, הארץ־שמערצען און ורינארישע ליידען. ווייל אלע פון זיי זענען אדער נירען ליידען אדער זענען פאראורזאכט דורך דער אונארדנונג פון די נירען. און דאדורך קענען זיי ניט טאן זייער ארבייט.

פארוואס עפעס אלומינום

ווייל טיי ווערט שנעל איבערגעפיהרט אויב עס איז בלויז געשטעלט צו לופט. עס זענען געמאכט געווארען פיעלע עקספערימענטען אויף אויסגעפינען דעם בעסטען מיטעל צו פאקען עס אזוי, אז עס זאל פרעזערווירט ווערען דער טעם. די „סאלאדא" טיי קאמפאניע האט צוערשט גענוצט בלייענע פעקלאך, אבער מיט עטליכע יאהר צוריק האט זי גענומען נוצען אלומינום ווייל אלומינום האלט זיך בעסער און איז לייכטער ווי בליי, חוץ דעם וואס 'עס איז אבסאלוט סאניטאר אין לופט־לאז. עס ווערט צוגעגעבען, אז דאס איז דער בעסטער וועג צו אויפהאלטען דעם טעם פון טיי. אלע „סאלאדא" טייען ווערען פארקויפט אין לופט־לאזע אלומינום פעקלאך.

שפאנישע טענץ און מאדעלען אין היפאדראם

אין היפאדראם וועט די גאנצע וואך פארקומען א גרויסע דעמאנסטראציע פון נייע פריהלינגס־מאדעלען. די מאדעלען וועלען טאנצען פארשיידענע שפאנישע טענץ און וועלען אמוזירען דעם עולם איפ'ן שעהנסטען און עלעגאנטסטען אופן.

דער באקאנטער מאווי־סטאר טאמאס מיהען וועט זיין דער „הויפט־מאכער" פון דער אטרעקשאן, און דאס אליין איז א גרויסע גאראנטיע, אז די פיטשור וועט זיין עפיס אויסערגעוויינליכעס, וואס יעדער איינער וועט מיט פארגעניגען קאנען זעהן.

דער ארקעסטער און דער ארגעל פון דיזען טעאטער איז א שם דבר. אלע טעאטער־געהער קאנען זיך גאר ניט אפלויבען פון די שעהנע מוזיקאלישע קאמפאזיציעס. די געזאנגס־נומערען ציהען אלע מאל א רוישיגען אפלאוז מצד דעם עולם און דאס ווייזט, אז דער עולם האט עס שטארק ליעב.

עס וועט אויך געוויזען ווערען א פילם־פראדוקציע, וואס וועט ארויסרופען שפאס צווישען אלע באזוכער.

עקאנאמישע לאגע פון רוסישע אידען איז שווער זיי קאנען נאך ניט אויסקומען אן הילף פון דרויסען

מאסקווע, (איטא).

דעם 1־טען אפריל רעבענט דער „דזשאינט" אופצוהערען זיין הילפס ארבייט אין רוסלאנד. פאקטיש האט שוין דער „דזשאינט" פארקירצט זיין ארבייט אויף צוויי דריטעל נאך מיט איינינע חדשים צוריק. די צאהל זקנים, וואס ווערען אויפגעהאלטען אין די היימען פאר אלטע לייט איז פארקלענערט געווארען פון 3000 ביז 2100; מעדיצינישע הילף וואס איז פריהער געגעבען געווארען ביז 100 טויזענט פערזאן מאנאטליך, ווערט איצט גארניט געגעבען. אינדיווידועלע הילף איז אינגאנצען אפגעשאפט געווארען. אנשטאט 80,000 קינדער, וואס זענען פריהער אינגאנצען אדער טיילווייז אויסגעהאלטען געווארען פון „דזשאינט", ווערען איצט געשפייזט בלויז אן ערך 28,000 קינדער פון די אידישע קינדער היימען.

דער רעזולטאט פון אזא פארקירצונג פון הילפס ארבייט, לאזט זיך זעהר שטארק פיהלען.

די צאהל פון קראנקהייטען צווישען דער ארעמסטער טייל פון דער אידישער באפעלקערונג און שטערבליכקייט צווישען די פריהער פארזארגטע זקנים, וואקסט. אויך די נויט צווישען דער אינטעליגענץ איז גרויס.

דער עיקר פיהלען זיך די רעזולטאטען פון דער פארקירצונג צווישען די קינדער. די גאסען פון די גרויסע און קלענערע שטעדט פון דרום רוסלאנד זענען פול מיט קינדער, וואס זוכען נאהרונג דורך גאסען האנדעל און בעטלעריי און אפטמאל דורך גנבה.

צו די 50—60 טויזענט קינדער פון ארעמע עלטערען, וואס פילען שוין איצט אן די גאסען פון די שטעדט און שטעדטלאך, וועלען צוקומען נאך לכל הפחות 30,000 קינדער יתומים, פון די קינדער הייזער. די גרעסטע טייל פון די דאזיגע קינדער געפינען זיך אין ראיאנען, וואס האבען אם מעהרסטענס געליטען פון בירגער קריעג, פאגראמען, חורבנות און עפידעמיעס.

אין מינסקער, וויטעבסקער און מאהילעווער ראיאנען ווערען היינט צו טאג אויפגעהאלטען 6919 קינדער. אין יעקאטערינאסלאווער גוברניע 1875; אין כארקאווער, פאלטאווער, קיעווער און טשערניגאווער 11,164; אדעסער און יעליסאוועטגראדער 9406; מאסקווער גובערניע 1811, און אנדערע ערטער 1168. בסך הכל 27,823 קינדער.

די עקאנאמישע לאגע פון דער אידישער באפעלקערונג אין די דערמאהנטע געגענדען אויסער מאסקווע, איז ערגער ווי שלעכט. דער הויפט מקור פון דער אידישער פרנסה: קרעמעריי און קליין האנדעל, גוססט. דער גרעסערער סוחר קאן ניט ביישטעהן די קאנקורענץ פון דעם מלוכה האנדעל און ווערט צונעדריקט אונטער דער לאסט פון שטייערן. דער בעל מלאכה ליידעט פון שטענדיגער ארבייטסלאזיגקייט. די אידישע פראווינץ לעבט אין אזא דחקות, וועלכע עס איז שווער צו באשרייבען.

דער איינציגער אויסוועג איז אז די רעגירונג זאל אויף נעהמען די זארג פון די אידישע קינדער אזוי גוט ווי זי זארגט פאר הילפלאזע קינדער פון אנדערע נאציאנאליטעטען.

דער דירעקטאר פון דזשאינט אין רוסלאנד, דר. באגען האט אנגענומען געוויסע שריט אין דער דאזיגער ריכטונג. נאך אויב אפילו איהם זאל געלינגען דורכצופיהרען די זאך, וועט אהן הילף פון דרויסען אונמעגליך זיין אויסצוקומען. די נויט אין רוסלאנד איז נאך אזוי גרויס און די מיטלען זענען נאך אזוי קליין, אז ביי איהר בעסטען ווילען קאן די רעגירונג געבען די קינדער וועלכע זענען אין רוסלאנד, אבי אויפ'ן ערשטען פלאץ, אזוי ווענינ, אז אהן געזעלשאפטליכער הילף, וואלט די קינדער אפשר קיין ברויט צו זאט ווערען ניטגעהאט.

די הילף פון דרויסען איז נאך אומבאדינגט נויטיג, דאס איז די מיינונג פון די פאראנטווארטליכע אידישע כלל טוער אין רוסלאנד.

א קייבעל פון יבנה

„יבנה" וועט זיין געצוואונגען צו שליסען איהרע טירען אויב עס וועט ניט אנקומען זאפארט שטיצע פון סענטראל רעליעף קאמיטע".

די קייבעל איז אנגעקומען אין סענטראל רעליעף קאמיטע, 13 אסטאר פּליים, ניו יארק.

„יבנה" איז די אידישע חנוך ארגאניזאציע פון די ארטאדאקסישע אידען איבער גאנץ ליטא. „יבנה" האט אין איהר רשות קליינע ישיבות און א גרויסע צאהל תלמוד תורה'ס און האט אויך א בית מדרש למורים, א לעהרער אינסטיטוט, וואס גרייט צו אויסגעצייכענטע לעהרער, פאר־מענער מיט א גרויסע אידישע און אלגעמיינע בילדונג פאר די תלמוד תורה'ס און שולעס.

די אלע לעהרער זענען עכטע טראדיציאנעלע אידען וואס לערנען און פיהרען זייערע תלמידים אויפ'ן דרך התורה און אידישען גייסט. א היבשע צאל לעהרער האבען שוין געענדיגט דעם יבנה אינסטיטוט. יבנה האט אויך לעהרער־קורסען פאר מיידלאך, וואס ווערען צוגעגרייט אלס לעהרערינס פאר מיידלאך־שולעס, כדי די אידישע טעכטער זאלען אויך קריגען אן אמת'ע אידיש־טראדיציאנעלע ערציהונג.

יבנה שטעהט אונטער דער השגחה פון גרויסען גאון הרב ר' אברהם דובער שאפירא, קאוונער רב, און פון גרויסען גאון ר' משה מרדכי עפשטיין, רב און ראש ישיבה פון סלאבאדקע.

אהן דער מאנאטליכער שטיצע וואס סענטראל רעליעף קאמיטע שיקט צו יבנה, וואלטען די קורסען און די לעהרער־אינסטיטוטס זיך גלייך געמוזט פארמאכען, און דאס וואלט געווען א שווערער קלאפ פאר דעם גאנצען יודענטום פון ליטא.

דאס אידישע ליטא איז זעהר פארענגט און די דארטיגע אידען זענען ניט בכח אויף די אייגענע פלייצעס אויסצוהאלטען די מוסדות התורה און לעהר־אנשטאלטען פאר'ן יונגען דור. אהן די הילף פון סענטראל רעליעף קאמיטע קענען זיי ניט עקזיסטירען!

דער וועסט־טאראנטאר ארבייטער רינג שול באזאר

עס איז שוין איינמאל בארוכטעט געווארען אין „זשורנאל" וועגען דעם באזאר, וואס וועט גאר איינגעבען דורכגעפיהרט ווערען לטובת דער וועסט־טאראנטא'ר ארבייטער רינג שולע, מיר זענען אבער מעהר ווי זיכער, אז פיעלע זענען נייגעריג צו וויסען, ווי די ארבייט געהט אן. און צו יענע פיעלע נייגעריגע, מעהרסטענס אנהענגער פון אונזער שולע, געפינען מיר פאר נויטיג מיט פארגעניגען מיטצוטיילען, אז א דאנק דער ענערגישער ארבייט פון אונזערע קאמיטעס, אויך א דאנק דעם, וואס די קאמיטעס ווערען איבעראל פריינדליך אויפגענומען און וואס, אחד המרבה ואחד הממעיט, אבער כמעט יעדער גיט עפעס, קאנען מיר מיט זיכערהייט זאגען, אז אונזער אינטערנעהמונג וועט זיין אן ערפאלג.

דינסטאג דעם 4־טען מערץ האבען די באזאר־קאמיטעס אפגעהאלטען א מיטינג אונטער'ן פארזיץ פון פר. הערי לעווין.

פר. וויינשענקער באריכטעט, אז ער מיט פר. סעלצערן צוזאמען האבען געשאפען פאר אריבער הונדערט דאלאר ארטיקלען. מיסטער און מיסעס באטוויניק געהען אויך אן ערפאלגרייך מיט זייער ארבייט — אין זאמלען ארטיקלען.

מרס. בעלסקי און מרס. ביזגאלד האבען געשאפען א היבש ביסעל זאכען, 13 דאלאר אין קעש און דענקען נאך פארזעצען זייער ארבייט.

ס'איז ביי יענעם מיטינג באשלאסען געווארען צו האלטען רעפרעשמענטס. אויך איז באשטימט געווארען א פרייז פאר'ן בעסטען און ניט אזוי פאר'ן בעסטען ווי פאר'ן שעהנסטען „קייק", וואס וועט דאניישט ווערען.

ס'איז אויך ביי יענעם מיטינג ערוועהלט געווארען א קאמיטע אויף צו באשטימען די פרייזען פון די ארטיקלען.

בצאת ישראל ממצרים

די געשיכטע פון יציאת מצרים איז איינע פון די שעהנסטע קאפיטלעך אין דער היסטאריע פונ'ם אידישען פאלק ווייל דאמאלס איז פונ'ם הייפעלע וואנדערער געווארען א פאלק. ביי אלע נאציאנען איז אזויגע ביי די אמעריקאנער, למשל, איז דער 4־טער דזשולאי, דער גרעסטער יום טוב. און דער יום טוב פסח איז דערפאר אונז ליעבער ווי אלע אנדערע יום טובים.

ניט אכטענדיג וואס עס קאסט אפ אזוי פיעל געלד, ניט אכטענדיג וואס עס פאדערט אזוי פיעל מיה — א גאנצע אומענדערונג אינ'ם סדר פונ'ם אלטעגליכען לעבען, מיט נייע מאכלים, נייע כלים און א גאנץ באזונדערע הנהגה.

דער איד לאזט זיך אויף פסח קאסטען מעהר ווי אויף אן אנדער יום טוב, ווייל דער יום טוב פאדערט דאס גרעסטע אין זהירות, די שטרענגסטע כשרות, און די קלענסטע אונפארזיכטיגקייט קען פארדארבען דעם יום טוב.

די ערשטע זאך וואס דער איד איז פאראינטערעסירט געוועהנליך איז מצה, — ניט נור ווייל דאס איז דער סימבאל פונ'ם יום טוב, נור ווייל דאס איז טאקע דער הויפט מאכל. דער איד וויל פריהער פון אלעס זיין זיכער מיט די כשרות, דאן זוכט ער קוואליטעט, א שעהנע, פרישע, געשמאקע מצה, וועלכע זאל ניט זיין קיין „לחם עוני", נור ווי דער פסוק זאגט ביי אברהם ווען מלאכים זענען געקומען צו איהם; ער האט פאר זיי געלאזט באקען „עוגות מצות", מצות וואס זענען געווען ווי קוכלעך, א מאכל מלכים.

און צוליב איהרע זעלטענע מעלות איז טאקע די סיימאן און וויל מצה פון סינסינעטי געווארען די מצה ביי די אידען וואס זענען מפונקים, איבערקלייבער, ביי די וואס ווייסען וואס זיי ווילען, ביי די וואס האבען ליעב צו בעקומען די סאמע בעסטע.

וועגען די קוואליטעט פון די מצה איז דא אפגערעדט. יעדער וואס האט נור איינמאל די דאזיגע מצה פארזוכט האט צוגעגעבען אז אזא מצה האט ער פריהער ניט פארזוכט, און ווער עס האט געהאט איינמאל ביי זיין פסח טיש די סיימאן און וויל מצה פון סינסינעטי, וועט שוין קיין אנדערע ניט נעהמען. די אייגענטימער פון דער פירמא סיימאן און וויל האבען בירושה פון די גרינדער, וועלכע האבען מיט איבער זיבעציג יאהר צוריק געלייגט דעם פונדאמענט פאר דיעזער גרויסע מצה פאבריק, אז „קוואליטי איבער אלעס", און דיעזע מאטא האט די פירמא שטענדיג אפגעהיט.

די מאדערנע מעטהאדען פון באקען, אין פארפאקען און שיקען מאכען עס מעגליך אז די מצה זאל אנקומען איבעראל אין דער זעלבער הויכער קוואליטי, פריש אין געשמאק ווי נאר וואס פון אויווען ארויס.

וועגען די כשרות האבען שוין פיעלע פון אמעריקא'ס גרעסטע גאונים, וועלכע האבען די מצה בעקעריי בעזוכט, עדות געזאגט אז די סיימאן און וויל מצה ווערט געבאקען אונטער א שמירה מעולה. הרב הגאון ר' יוסף מאיר לשאן, דער רבי פון סינסינעטי איז איינער פון די וויכטיגסטע רבנים פון לאנד, א מחבר פון אייניגע וויכטיגע ספרים, א טיכטיגער רעדנער און עסקן, אונטער זיין פערזענליכער השגחה שטעהט די בעקעריי און ער זאגט, אז די סיימאן און וויל מצה איז כשר בתכלית הכשרות און מען קען דערמיט יוצא זיין אפילו שתי לילות הראשונות לדעת ראשונים ואחרונים.

די סיימאן און וויל מצה פון סינסינעטי, איז דערפאר א ווילקאמענער גאסט אין די צעהנדליגער טויזענדער אידישע היימען, ווייל עס מיינט דער פארגענינגען פונ'ם יום טוב פסח. עס מיינט דאס פאלקאמענע כשרות אין די אידישע הייזער, עס מיינט די צופרידענהייט פון דער גאנצער פאמיליע.

און דאס וויכטיגסטע דערביי איז וואס סיימאן און וויל מצה, די קרוין פון אלע מצות, קאסט ניט טייערער ווי געוועהנליכע מצה. עס איז צוגענגבאר צו יעדער פאמיליע — אלעס וואס מען דארף טאן איז נור פארלאנגען, בעשטעלען און זיין איינגעשטעלט דאס צו פאדערען פון דעם גראסעריימאן אדער דילער.

די געשיכטע פון יציאת מצרים איז די געשיכטע פון די ערשטע מצה געבאקען אונטער די שטראהלען פון דער זון, ביז צו די מצה געבאקען אין דער זונליכט בעקעריי פון סיימאן און וויל אין סינסינעטי.

אייער סייז, אייער געשמאק
ווען איהר דארפט א
פול דרעס אדער טאקסידא סוט, סילק העטס

פאר חתונות, בעלער, פארטיס, אדער אנדערע שמחות, דאן קומט צו אונז. מיר האבען א גרויסען, שעהנעם אויסוואהל, דעם גרעסטען אין קאנאדע, פארשיעדענע סייזעס. אונזער מאטא איז: געבען אייך קליידער לויט אייער געשמאק, וואוקס, און פארלאנג. מיר זענען ספעציאליסטען אין דעם פאך.

א פירמע מיט דער גרעסטער רעפוטאציע.

ל. ווייט און סאן
קלינערס, פארבערס, פרעסערס
פון אלערליי קליידער און הויזזאכען.

135 סט. פעטריק
270 קווין וועסט
טעלעפאן עדלייד 6111.

אידישע פרוי ארעסטירט פאר „גאַסע" געשעפטען

דזשעני סטיינער פון יוראן סטריט, איז נעכטען ביינאכט ארעסטירט געוואָרען אויף דער קלאגע פון האנדלען מיט משקה.

וואלונטירען אויפמערקזאם
אספעשעל פארזאמלונג

פון אלע פאלקס פאראיין וואלונטירען, ווי אויך די וועלכע ווילען העלפען אין איצטיגען פאלקס פאראיין

קאמפיין

וועט פארקומען

היינט 8 אזוענט

אין פאראיינס אפיס

410 דאנדעס וועסט

איהר ווערט געבעטען צו זיין אין צייט.

א גרויסארטיגער

פורים מאסקאראד באל

אין אדפעלאוס האל
404 באטהורסט סטריט
— וועט פארקומען —

מארגען דעם 11 מערץ

8 א זייגער אוונט
טענץ פון 9 ביז 2 אזייגער.
אונטערן אויפזיכט פון דער

„דאטהערס אף איזראעל" סאסייטי

וועלכע איז גוט באוואוסט אין שטאדט מיט די גוטע ארבייט וואס זי טוט פאר ארימע און קראנקע.

קומט צום באל און העלפט אונז פארזעצען אונזער ארבייט.

5 שעהנע פרייזען וועט געגעבען ווערען צו די שעהנע מאסקען

„דעמבעס"

מעלאדראמא אין 3 אקטען פון פ. בימקא, געשפילט אין קונסט טעאטער פיש'ן גרעסטען ערפאלג, וועט געשפילט ווערען בלויז איין מאהל דעם סיזאן אין

סטענדערד טעאטער
מיטוואך אווענט
19־טען מערץ (אסתר תענית)

צום בענעפיט פון

דוד פינסקי ברענטש

אידיש נאציאנאלער ארבייטער פארבאנד באזארגט זיך מיט טיקעטס באצייטענס. צו באקומען ביי די חברים פון פינסקי ברענטש, אדער טעלעפאנירט טרויניטי W 6174.

וויכטיגע מודעה

ביי א דזשענעראל מיטינג פון קהל עדת ישראל איז באשלאסען געווארען צו שטעהן פאר זיך מיט זייערע שעכטהייזער און צו נעהמען שוחטים פאר זיך.

בהשגחת הרב גרייבארט

א קאמיטע פון 10 פערזאן איז ערוועהלט געווארען צו פארהאנדלען מיט די האלסייל בוטשערס.

יעדער בוטשער וואס וויל זיין אונטער דער השגחה פון הרב גרייבארט, זאל קומען לה'ר גרייבארט לייגען א פאפיר, אז ער וועט נאר פארקויפען פלייש וועלכעס איז געשאכטען אונטער זיין השגחה.

קהל עדת ישראל אף טאראנטא

דער באזאר

פונ'ם

פרץ פרויען פאראיין

וועט זיין

אפריל 1, 2, 3, און 5־טען
אין פרץ שול

צו גונסטען א זומער־קאלאניע פאר קינדער

שבת דעם 5־טען אפריל וועט אויך זיין א טאנץ

די אידישע באפעלקערונג איז געבעטען צו שטיצען דעם באזאר און אויפצונעהמען פריינדליך די קאמיטעס.

רעוו. דר. ישעיו בערנשטיין

חזן פון בית יעקב שוהל, איז דער איינציגער וועלכער איז אנערקענט מיט א דיפלאם פון די גרעסטע דאקטוירים אין ניו יארק אלס **ספעציאליסט מוהל**. אויך איז ער אלס אן ערשט קלאסיגער **מסדר קדושין** אנערקענט. קאנטרי לייט קענען איהם האבען צו זייערע שמחות. גרעסטע צופרידענהייט גאראנטירט.

פאר ארימע אומזיסט.

וואוינונג, 43 סיסעל סטריט, טעלעפאן טריניטי 8694.



עלעקטריק פיקסטשורס אויף אויסצאהלען

צום ערשטען מאל אין טאראנטא, וואו איהר האט א געלעגענהייט אייננצוארדנען אייער הויז מיט די מאדערנסטע עלעקטריק פיקטשורס, **קעש** אדער **קרעדיט**.

קומט צו אונזער נייעם פיקטשורס אויסוואהל.

די אלע עלעקטריק פיקסטשורס וואס איהר זעהט דא באקומט איהר פאר $17.25 א גרויסער אויסוואהל פון קריסטאל פיקסטשורס. קאנטרי ארדערס געשיקט „פריפייד"

טאראנטא עלעקטריק סופליי קאמפ. לימיטעד
פ. קעמען

360 קווין וועסט

טעלעפאנס: מיין 2806 / עדלייד 1041

STANDARD THEATRE

טעלעפאן טריניטי 4310

מישא און לוסי גערמאן, אין סטענדערד טעאטער דינסטאג אווענט

עהרען אווענט פאר אונזער באליבטען כאראקטער שוישפילער

איזידאר פרידמאן

עס ווערט אויפגעפיהרט די נאך ניט־געשפילטע פיעסע

„שונאים"

אלס אטראקשאן וועט אויפטרעטען דער שווארצען חזן אין א רייהע אידישע לידער. קויפט טיקעטס באצייטענס.

מיטוואך אווענט — „בענקענדע הערצער" — לידים נייט.

קהלה כשרות דירעקטארי

משחיטת ר' שרגא קורין, ר' יוחנן שפיגעל, און ר' יעקב ענדרוס
בהשגחת הרב י. גארדאן, והרב י. וויינריב.

מ. וואל, 782 דאנדעס סטריט וועסט, טעל. טריניטי 6857.
מ. פאלאק, 602 דאנדעס סטריט וועסט, טעל. טריניטי 8927.
ישראל זימראד, 120 גרענדזש עוו. טעל. טריניטי 0445.
עפעלזאפט, 818 דאנדעס סטריט וועסט, טעל. טריניטי 9603.
שפערלינג, 697 קווין סטריט וועסט. טעל. עדלייד 5770
הערישאן, 823 קווין סטריט וועסט. טעל. עדלייד 3895.
יצחק ליפקין, 125 עליזאבעט סטריט.
בערקין, 707 קווין סטריט וועסט.
מ. גאלדמאן, 784 דאנדעס סטריט וועסט טעל. טריניטי 7726.
חיימי ווייספעלד, 42 קענזינגטאן עוו. טעל. טריניטי 8168.
מ. גורעוויטש, 844 דאנדעס סטריט וועסט.
שלומה הענדלער 331½ קווין סטריט איסט.
בעריל העריסאן, 47 באלדווין סט. טעלעפאן טריניטי 5277
מענדיל גודמאן, 170 בראנזוויק עוו. טעלעפאן טריניטי 5292.
אברהם חיים וואלפיש, 197½ באלדווין סט. טעל. טריניטי 7789
לייזער זיטזאמער, 549 דאנדעס וו. טעל. טריניטי J 9369
פ. מארגאליס, 527 קווין סט. וו. טעל. עדלייד 5540

דיזע פלייש שעפער באזוכט א משגיח פינקטליך.

דישעס פאר פסח

שטופט זיך ניט אין א צייט ווען מען קען אייך ניט אטענדען, און איהר צאהלט טייער

זאלצמאנס הארדוועיר סטאר
אנאנסירט דעם דריטען יעהרליכען סייל

אויף קראקערי, גלאזווארג, אלומענום, אנעמעל טעפלאך, פענדלאך זילבערווארג, הארדוועיר, פיינט, וואגיש, פארשיעדענע וועקס, פאליש, קאטלערי. אייך אלעס וואס מען דארף אין הויזהאלטען נוצט אויס דאס געלעגענהייט. עס וועט אייך קאסטען ביליג, איהר וועט הנאה האבען און באהאנדעלט ווערען ריכטיג.

קומט איצט זעהן אונזער סייל. עס וועט זיך אייך באצאהלען

M. L. SALTZMAN,
534 DUNDAS ST. WEST, Tel. Trinity 8946

קומט עסען אין א פלאץ וואו אלע עסען

אונזער פלאץ איז דער באוואוסטער אין שטאדט אלס די בעסטע דעליקאטעסען סטאר. מיר זענען די עלצטע עטאבלירטע דעליקאטעסען סטאר אין שטאדט. הונדערטער מענשען עסען טעגליך ביי אונז.

קארנדביף — 70 סענט א פונט.	ראל ביף — 70 סענט א פונט.
ווינערס — 35 סענט א פונט.	סאלאמע — 50 סענט א פונט.
פאסטראמע — 80 סענט א פונט.	

קומט אריין צו אונז פאר אייערע לאנטשעס. ספעציעלע פרייזען פאר גרעסערע ארדערס.

פיינסאדס דעליקאטעסען סטאר
166 קווין סטריט וועסט

ס. קופטשיק

דער באוואוסטער רעסטאראטאר האט ערעפענט דעם

רומעניען רעסטאראן און גריל
אין 276 קאלעדזש סטריט

איהר קענט דארטען באקומען אלע רומענישע מאכלים און אלעס וואס אייער הארץ גלוסט.

מיר נעהמען אויך אן צו קייטערען פאר חתונות, באנקעטען און פארטיס.

קויפט אייערע קוילען פון

יאנאוועער בראדערס

וואו איהר באקומט בלויז גוטע הארטע קוילען.

268½ קווין סטריט וועסט. טעלעפאן עדלייד 8766.

וויכטיג פאר האמילטאנער אידען

איהר באקומט ביי מיר טעגליכע, וועכענטליכע און מאנאטליכע צייטונגען פון אמעריקא און קאנאדע אין

56 יארק סטריט (געגענאיבער דעם קאמערשעל האטעל)

דעם „אידישען זשורנאל"

באקומט איהר יעדען פריהמארגען פון דעם זעלבען טאג. איך נעהם אויך אן אלערליי

אדווערטייזמענטס פאר'ן „אידישען זשורנאל"

אויב איהר ווילט זיך סובסקרייבען פאר אידישע צייטונגען קענט איהר עס טאן דורך מיר מיט די בעסטע באהאנדלונגען. אלערליי ביכער און שרייב מאטעריאלען קענט איהר ביי מיר באקומען.

ל. לואיס, 56 יארק סטריט, האמילטאן
טעלעפאן רידזשענט F 3045

EMPIRE THEATRE
עמפייר טעאטער

די גאנצע היינטיגע וואך
דיקסאן און לייק פרעזענטירען

קלעיר דעווין
— און —
מאראן און וויזער

אין גרויסען בורלעסק סוקסעס

„דזשיג טיים"

גרויסע ענטערטיינמענט

PANTAGES NOW PLAYING

די גאנצע היינטיגע וואך.
א דראמע פון בלינדע מענער און פלירטענדע ווייבער.

„אייפערזיכטיגע מענער"

דזשעין נאוואק, אוירל וויליאמס, בען אלעקסאנדער, באל מאנטאנא.

6 אויסנעצייכענטע וואדעוויל אקטען. **6**

קומענדען שבת ווערט געוויזען
„די ליכ־ער פון בראנוויי".

LOEW'S THEATRE

די גאנצע היינטיגע וואך
לאוס אמאטערן מינסטרעל פראליק
50 — לאקאלע קרעפטען — 50

HIPPODROME

די גאנצע היינטיגע וואך
טאמאס מיהען אין
„פאיד פאיפער מעלאן"
סימפסאנס ספרינג סטייל רעוויו

SHEAS

די גאנצע היינטיגע וואך
די רוסישע קונסט געזעלשאפט
לענג און אניעל, קלאוד און מעריא, ליע און גרענסטאן
שעים נייעם רעוויו.

א גרויסע געלעגענהייט

פאר טאראנטאר יונגענט, פאר מיידלאך און בחורים.

ד. בלומין, איז גרייט אנצונעהמען אנפאנגערס פאר'ן סטרינג ארקעסטער, וועלכער האט געמאכט א גרויסען סוקסעס אין סטענדערד טעאטער, ער גאראנטירט פאר דריי מאנאטען צוגרייטען צום ארקעסטער, מאנדאלינס, גיטארעס, באנדזשורס, א. ז. וו.

אויך פריוואטע וויאלין לעסאנס געגעבען.

אין דער זעלבער סטודיא, מר. ע. בלומין, דער באוואוסטער אפערא זינגער, נעהמט אויף שילער מיט שטימען און גאראנטירט אין זעקס מאנאטען אוועקצושטעלען די שטימע פאלקאם.

פאר מעהר אינפארמאציע טעלעפאנירט, טריניטי F 2387, 374 מענינג עוועניו.

באטראנייזט די איינציגע אידישע ווינדאו קלינינג קאמפאני

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.
NY WINDOW CLEANING CO.

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז, פעקטארי, אפיסעס און סטאר קלינינג בעסטע ארבייט צו די בילינסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען פאר מאנאטליך און יעהרליך. 10 טעראלי סטריט. טעלעפאן אדעלייד 3087 אווענדען און יום טובים טעלעפאנירט טריניטי W 0898

NEW YORK WINDOW CLEANING COMPANY 10 TERAULEY ST.

לאיער ה. מ. לעהרער

רום 312 פעדעראל בילדינג. טעלעפאן עדלייד 4651 — 4652
טראסט און פרייוועט פאנדס פאר ערשטע און צווייטע מארגיידזשעס.

לאיער איי. סי. סאלאמאן

אפיס מענינג טשעמבערס, 72 קווין סט. וועסט—רום 207
טעלעפאן עדלייד 3640 רעזידענץ טעלעפאן: טריניטי W 5953

מיר קענען פארקויפען אייער צווייטען מארגידזש
אויך געלט צו לייען אויף ערשטע און צווייטע מארגעדזשעס.

פעקטאר און שולמאן, לאיערס

מענינג טשעמבערס 72 קווין סט. וועסט. טעלעפאן מיין 4359.

לאיער בירענבוים

אפיס :	וואוינונג :
דאמיניאן באנק בילדינג	226 בעווערלי סטריט.
קארנער קווין און בעי.	טעלעפאן טריניטי 7406.
טעלעפאן אדעלייד 7287.	

לאיער סאל אייזען

באריסטערס, סאליסטער, און נאטארים.
קאמישיאנערס פאר אנטאריא און קוויבעק.

געלט צו לייען אויף ערשטע און צווייטע מארגיידזשעס

דאמיניאן באנק בילדינג	רעזידענס
קאר. בעי און קווין סטריטס רום 4	484 מארקהאם סטריט.
טעלעפאן עדלייד 3083.	טעל. טריניט W 1904

לואיס מ. סינגער

לאיער און נאטארי פאבליק
קאמישיאנער פו זאלע פראווינצען פון קאנאדע.
לאא אפיס 154 סימקא סטריט.
די נייע טעלעפאן נאמבערס זענען :
עדלייד 7965 און 7966

מיר לייען געלט אויף ערשטע און צווייטע מארטגעדזשעס

הייד, הייד, שארי און ניומאן
לאיערס,

4 ריטשמאנד סטריט איסט. טעלעפאן מיין 2431

מאלדאווער און ראזענבערג

לאיערס און נאטארים פאבליק
געלט צו לייען אויף ערשטע און צווייטע מארגיידזשעס.
רום 507 פעדעראל בילדינג. ריטשמאנד סטריט.
טעלעפאן עדלייד 2178.

לאיער גלאסס

רום 36—37 אימפיריעל באנק בילדינג. קארנער יאנג און קווין.
טעלעפאן עדלייד 6089 רעזידענץ קענוואוד J 4206
געלט צו לייען אויף מארגיידזשעס.

לאיער א. גרינבוים

מענינג טשעמבערס, 72 קווין סט. וועסט; רום 212
טעלעפאן עדלייד 7427. רעזידענץ טעלעפאן: טריניטי J 5998

טעלעפאן עדלייד 7437. רעזידענץ : טריניטי W 7024.

לאיער לואיס נ. סאקלאף

געלט צו לייען אויף ערשטע און צווייטע מארגיידזשעס.
רום 212 מענינג טשעמבערס 72 קווין סט. וועסט

לאיער דענבערג, ב.א.,ל.ל.ב.

רום 224 פעדעראל בילדינג
קארנער שעפפערד און ריטשמאנד וועסט.
טעלעפאן אדעל. 1264
הויז : 32 דיוויזשאן סטריט. טריניטי W 3796.

לאיער הערי פיין

33 עדלייד סטריט וועסט
אפיס באהאן בילדינג.
טעלעפאן עלדזשין 2191. הויז־טעלעפאן לייקסייד W 9188

לאיער ראטשטיין

מענינג טשעמבערס—רום 407 קווין און בעי
טעלעפאן אדעלייד 7520 רעז. טעלעפאן מיין 7129.